No. 2309a 979

THE TRUSTEES OF THE PUBLIC LIBRARY
OMNIUM LUX CIVIUM
OF THE CITY OF BOSTON
1852 1878

GIVEN BY
Anonymous,

Boston Public Library
Central Library, Copley Square

Division of
Reference and Research Services

The Date Due Card in the pocket indicates the date on or before which this book should be returned to the Library.

Please do not remove cards from this pocket.

די אורזאך און בּעדייטונג פון דער מלחמה

פון פ. וו. הענשאָ

ריכטער פון סופרים קאָורט פון קאליפאָרניא.

אידישע איבערזעצונג בּיי

ד. מ. הערמאלין

2309a.979

The Cause and Meaning of This War

BOSTON PUBLIC LIBRARY

By F. W. HENSHAW

Associate Justice of the Supreme Court of California.

Yiddish Translation

By D. M. HERMALIN.

Purchased and Distributed By

The Free Public Library Commission of Massachusetts

CHARLES F. D. BELDEN, Chairman

די אורזאך און בעדייטונג פון דער מלחמה

פון פ. וו. הענשאָ

ריכטער פון סופרים קאָורט פון קאליפאָרניא.

Anonymous
Sept. [illegible]. 1915

„אונזערע רעכטע זיינען שטארק פערלעצט געוואָרען, אונזערע ביר־גער זיינען ניעדערטרעכטיג ערמאָרדעט געוואָרען אונטער זייער אייגענער פאָהן, אונזערע שכנים זיינען איינגעלאדען געוואָרען צו עראָבערן אונזער באָדען, אונזער גערוּלד פאָדערענדיג גערעכטיגקייט און מענשליכקייט איז בעגעגענט געוואָרען מיט שענדליכען און געמיינעם פערראַט."

„אמת'ע אמעריקאנער, יענע וואָס ארבייטען דאָ פאר א היים און האָפען אויף בעסערע זאכען, ועמעס אויפגעהויבענע אויגען האָבען דער־זעהן א בעפרייטע וועלט, האָבען בעהויפטעט, אז דער פּרינציפּ פון בלוט און אייזען מוז אויפהערען, און אז גלייכע גערעכטיגקייט, וואָס איז דאָס הארץ פון דעמאָקראטיע, זאָל רעגיערען אויף זיין פּלאַץ."

— פּרעזידענט וואודראָו ווילסאָן.

די אורזאך און בעדייטונג פון דער מלחמה

צו יענע וואָס זיינען אין דיענסט פון די פעראייניגטע שטאאטען, אין איהרע ארמעען און פלאָטען, און צו יענע וועלכע קענען גערופען ווערען צו דער דאָזיגער דיענסט:

דיזע וועלט־מלחמה האַלט שוין אָן איבער פיער יאָהר. זי האָט אָנגעפאנגען ווען פיעלע פון אייך זיינען נאָך געווען צו יונג צו שטודירען איהר בעדייטונג אָדער זיך פיעל פעראינטערעסירען אין איהר פאָרטשריט, ווייל עס האָט אויסגעזעהן, אז די פעראייניגטע שטאאטען קען ניט אריינגעצויגען ווערען אין דער מלחמה. איצטער ווייסט איהר, אז איהר זיינט אין קריעג, עס וועט אָבער קיינעם ניט איבערראשען ווען פיעלע פון אייך בעגרייפען ניט גענוי פאר וואָס מיר זיינען דאָך אריין אין קריעג. מיין אבזיכט איז אייך צו ערקלעהרען די אורזאכען בקיצור און אין איינפאכע ווערטער. אָבער אפילו איידער איך טו דאָס וועלען נויטיג זיין עטליכע ווערטער איבער דער מענשליכער ענטוויקלונג און רעגיערונג און די צושטענדע פון די קריעגערישע פעלקער.

דער מענשליכער בעגריף פון גאָט איז, אז עס געפינט זיך אן אל־קלוגער, אן אל־מעכטיגען און אל־גוטער בעשעפער, וועלכער נעהמט א פערזענליכע אינטערעסע אין דער געגענווארט און אין די צוקינפטיגע לעבענס פון מענשען. ווען איהר זאָלט קענען צופאסען אזא אידעע פון א גייסטיגער בעשעפעניש צו דער ערד, וועלען דאַן אלע איינשטימען, אז קיין פאָלק וואָלט בעדארפט בעסער רעגיערט ווערען ווי פון אזא אל־קלוגען, אל־מעכטיגען און אל־גוטען קעניג אָדער קיסר; און דאָס איז געווען אקוראט די אידעע פון א קעניגטום אין די אלטע צייטען. דער קעניג האָט עפּעס געזאָגט זיין פאָלק, און דאָס פאָלק האָט געגלויבט, אז ער האלט די מאכט דירעקט פון גאָט און ער רעגיערט לויט דעם געטליכען ווילען. מיט דער צייט האָט דאָס פאָלק ערפאהרען, אז דאָס קען אזוי ניט זיין, ווייל עס איז בעהאנדעלט געוואָרען מיט אכזריות און רדיפות, און דערפאר האָט דאָס פאָלק ניט נאָר אויפגעהערט צו גלויבען אין „געטליכען רעכט פון קעניג“, נאָר עס האָט אָנגעפאנגען צו גלויבען, אז דאָס פאָלק אליין האָט א רעכט צו זאָגען א דעה איבער זיין שיקזאל. אין דעם דאָזיגען גלויבען איז געלעגען דער ווינקעלשטיין פון דעמאָקראטיע. דאָס הייסט איינפאך רעגיערונג פון פאָלק, פונקט ווי רעפובליקאניזם מיינט רעגיערונג פון פאָלק דורך פאָרשטעהער. די דאָזיגע אידעע פון דעמאָקראטיע — פון פאָלק וואָס נעהמט דאָס רעכט צו רעגיערען — האָט זיך פארשפרייט איבער א גרויסען טייל פון דער ציוויליזירטער וועלט. אין מאנכע לענדער, ווי אין פראנקרייך און אמעריקא, איז קעניגטהום, אפילו בלויז אין נאָמען, אָפּגעשאפט געוואָרען. אין אנדערע לענדער איז נאָר די פאָרמע פון א מלוכה אָנגעהאלטען געוואָרען, אָבער די מאכט פון מלוכה

איז אוועקגענומען געוואָרען פון פאָלק און איבערגעגעבען געוואָרען צו פאַרשטעהער וואָס דאָס פאָלק האָט ערוועהלט. דער פרעמיער מיניסטער פון ענגלאנד און די איבריגע מיניסטאָרען זיינען אין דער ווירקליכקייט ווי דער פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאאטען און זיין קאבינעט.

די אימפעריע פון דייטשלאנד.

אין צוויי אייראָפּעאישע לענדער האָט דאָס פאָלק, אויס פערשיעדענע אורזאכען, זיך ניט אזוי שטארק צוגעאיילט זיך צו פערזיכערען מיט רעגיערונגס־מאכט. דיעזע לענדער זיינען געוועזן רוסלאנד און דייטשלאנד. דאָס ערשטע לאנד, אָדער רוסלאנד, האָט דורך אַ רעוואָלוציאָן אָפּגעשאפט דעם צאַר, אָדער קעניג, און איז געוואָרען אַ דעמאָקראטיע. אָבער מיט דייטשלאנד איז דאָס ניט געוועזן דער פאל. די דייטשע אימפעריע איז צוזאמענגעשטעלט פון עטליכע מלוכות, איינע פון זיי איז די מלוכה פון פרייסען. די דאָזיגע מלוכות, מיט קלענערע פירסטענטימער, זיינען אמאָל געוועזן ניט פעראייניגט און זיי האָבען זיך בעשטענדיג געקריעגט, ביז פרייסען, די מעכטיגסטע, דורך סטראשונקעס, דורך איינרעדעניש און דורך אַ שטארקער האנד פון מיליטערישער עראָבערונג, האָט זי געבילדעט פון אלעמען די דייטשע אימפעריע, איבער וועלכער דער קעניג פון פרייסען זאָל זיין דער אויבער־הערשער. אזוי איז פרייסען, פון אימער אָן אַ מיליטערישע נאציאָן, געוואָרען דער רעגיערער איבער דעם שיקזאל פון דער דייטשער אימפעריע, און דער קייזער האָט געמאכט אזא קאָנסטיטוציע און געזעצע פאר דער אימפעריע, אז דאָס זאָל איהם אימער געבען די פאָלשטענדיגע קאָנטראָלע. דער דייטשער קאנצלער איז ניט ערוועהלט פון פאָלק, ווי אונזער פרעזידענט, אָדער דער פרעמיער מיניסטער פון ענגלאנד. ער ווערט ערנאַנט פון קייזער און איז פעראנטוואָרטליך בלויז צום קייזער. דער דייטשער רייכסטאַג (אָדער קאָנגרעס), איז ניט ווי דער אמעריקאנישער קאָנגרעס אָדער ענגלישער פארלאמענט, וואָס מאכט געזעצע און ערקלעהרט קריעג. עס איז בלויז די לעדיגע שאָלעכץ פון אַ קאָנגרעס. עס איז בלויז א מין דעבאטירענדע געזעלשאפט, וואָס קען נאָר לויבען אָדער זיך בעקלאָגען אין ווערטער, וועלכע האָבען א געוויסען איינפלוס, אָבער קיין געזעצליכע מאכט.

די דייטשע אימפעריע, אָבוואָהל זי האָט זיך געהאלטען שוין פריהער אין בויען, איז פארטיג געוואָרען ערשט נאָך דעם פראנצויזיש־דייטשען קריעג פון 1870—1871, ווען פרייסען האָט צוגענומען ביי פראנקרייך איהרע פראָווינצען עלזאס און לאָטהרינגען און זי האָט געצוואונגען איהר צו בעצאָהלען א שווערען שאדען־ערזאץ. נאָך דעם האָט די דייטשע אימפעריע געמאכט גרויס ערפאָלג. זי האָט ענטוויקעלט גרויסע אינדוסטריען און זיי געבראכט צו גאָר א הויכער שטופע. זי האָט געבויט אַ גרויסע האנדעלס פלאָטע צו פיהרען איהר סחורה אין אלע מארקען פון דער וועלט, און אין אלעמען האָט איהר רעגיערונג געהאָלפען. מיט די דאָזיגע גרויסע פאָרטשריטע אין דער קונסט פון פריעדען, האָט זיך עס באלד ארויסגעוויזען, אז דייטשלאנד איז

אויך געוואָרען פונקט אזוי טהעטיג אין אלעמען וואָס איז נוגע מלחמה. זי האָט ערצויגען יעדען איינעם פון איהרע יונגע לייט אלס סאָלדאטען, ביז וואנען זי האָט ניט נאָר געהאט אן ארמעע, נאָר די גאנצע נאציאָן איז געוואָרען איין ארמעע. זי איז אויך געוואָרען שטארק טהעטיג אין בויען א קריעגס פלאָטע, ביז איהר פלאָטע איז געוואָרען די צווייטע אין דער וועלט און איז איבערגעשטיגען בלויז פון ענגלאנד. זי האָט בעהויפּטעט, אז זי טוט דאָס אלץ צוליעב פריעדען אום זיך צו בעשיצען געגען א מעגליכען אנגריף פון מעגליכע שונאים מיט וועלכע זי איז ארומגערינגעלט, מייסטענדיג דערביי רוסלאנד אין מזרח זייט און פראנקרייך אין מערב זייט. זי האָט זיך פערבונדען דורך א טראקטאט מיט עסטרייך־אונגארן און מיט איטאליען, מיט דער בעדינגונג, אז זיי וועלען דארפען העלפען דעם דריטען אונטער געוויסע בעדינגונגען. דער טראקטאט איז געווען בעקאנט אונטער'ן נאָמען „טריפּעל אליאנס“, און די נאציאָנען וואָס האָבען דאָס צוזאמענגעשטעלט זיינען געווען בעקאנט ביז דעם אויסברוך פון דער מלחמה, אלס די אליאירטע. די איבריגע מעכטע, רוסלאנד, פראנקרייך און ענגלאנד, האָבען ניט געהאט קיין טראקטאט. צווישען זיי איז בלויז געווען א פערשטענדיגונג וואָס זיי זאָלען טאָן אין א פאל פון קריעג, אָדער, אין דער שפּראך פון די פראנצויזישע דיפּלאָמאטען, האָט עס געהייסען „אנטאנט“, און זיי זיינען נאכהער בעקאנט געוואָרען אלס די „אנטאנט מעכטע“. מען רופט זיי אָבער איצטער די „עליים“, און דייטשלאנד מיט עסטרייך־אונגארן רופט מען די „צענטראל מעכטע“. אין דער דאָזיגער אָפּהאנדלונג וועלען מיר זיי אויך אזוי אָנרופען.

ניט אכטענדיג אויף דייטשלאנד'ס אָפיציעלע בעהויפּטונגען, אז איהרע גרויסע ארמעען און פלאָטען זיינען בלויז פאר איהר פערטיידיגונג, האָבען מיט יאָהרען צוריק און באלד נאָכ'ן קריעג מיט פראנקרייך, איהרע פּראָפעסאָרען אין די אוניווער־סיטעטען און די לעהרער אין די שולען, אין ביכער, אין פּאָרטרעגע צו זייערע קלאסען, געלערענט פאָלגענדעס: אז צווישען אלע ניעדריגע קלאסען חיות זיינען די שוואכע אונטערגעגאנגען און פלאץ געמאכט פאר די שטארקערע און בעסערע; אז דאָס איז אויך דער פאל מיט דער מענשהייט; אז די געשיכטע פון מענשען ווייזט אָן אויף די פערניכטונג פון צאָהלרייכע שבטים און ראסען און פעלקער, און אז דער דאָזיגער קאמפף פאר הערשאפט מוז אָנגעהן; אז דער דייטשער געדאנק און דער דייטשער כאראקטער זיינען די העכסטע אין דער וועלט, און עס איז דאָס רעכט און די פליכט פון דייטשלאנד דאָס אויפצודרינגען אויף דער וועלט דורך אונטערדריקונג, און, ווען נויטיג, פערניכטען די ניעדריגערע פעלקער. די בעריהמטע האָבען געפרעדיגט דיזעלבע לעהרע, זאָגענדיג: „דאָס דייטשע פאָלק איז אימער גערעכט, ווייל עס איז דאָס דייטשע פאָלק“; „דייטשלאנד איז די צוקונפט פון דער מענשהייט“; „דאָס פאלען פון דייטשלאנד וואָלט אויך געווען דאָס פאלען פון דער מענשהייט.“

די עפענטליכע בעהויפּטונגען פון דעם קייזער דורך א רייהע פון יאָהרען האָבען בעוויעזען, אז ער האלט זיך נאָך אלץ אָן דער אלטער אָדער מיטעלאלטערליכער אידעע, אז די קעניגע האָבען א געטליך רעכט. ער „האָט געהאלטען זיין מאכט דירעקט

פון גאָט"; ער איז געווען „פּעראַנטוואָרטליך צו קיינעם בלויז צו גאָט"; „אונ־צווייפעלהאַפטע געהאָרכזאַמקייט איז דאָס פאָלק איהם שולדיג, ווייל ער איז גאָט'ס פאָרשטעהער". נאָך מעהר, די דייטשע פיהרער, אונטער דער לייטונג פון פרייסען, האָבען ענטוויקעלט די אידעע פון דעם שטאַאט, פון דער רעגיערונג פון דייטשלאַנד, ווי מען האָט נאָך ביז דאַמאָלס ניט ערקלעהרט. דער בעגריף פון אַ שטאַאט, אַ רעגיערונג, אָדער אַ נאַציאָן אין אַזעלכע לענדער ווי מיר האָבען, איז, אַז אַן אַנצאָהל מענשען בעשליעסען צו לעבען אונטער געזעצע, וואָס זיי פערפאַסען אַליין און פיהרען דורך. זיי אָרגאַניזירען זיך אין אַ שטאַאט, ניט מיט דער אבזיכט פון איינדרינגען, ניט צו אַטאַקירען אַנדערע שטאַאטען, נאָר צו פיהרען אַ פריעדליך און אַנשטענדיג לעבען, און דורך אָרגאַניזאַציאָן צו זיין בערייט זיך צו שיצען געגען אַן אַנגריף. אין אַזאַ שטאַאט איז יעדער איינער בערעכטיגט צו האָבען אַ שטימע, אַנטייל צו נעהמען אין זיין רעגיערונג, און פאָרשלאָגען פערבעסערונגען אין די געזעצע און צושטענדען. אין דייטשלאַנד, אַלס אַ פּועל יוצא פון פרייסישע לעהרען, האָט מען געזאָגט דעם פאָלק, און מיט דער צייט האָט אַ טייל אויך אָנגעהויבען צו גלויבען, אַז דאָס גליק פון דער גאַנצער וועלט הענגט אָפּ פון דייטשלאַנד; אַז דער דייטשער שטאַאט, די אימפּעריע, האָט אַ הויכען ציעל, און דער דאָזיגער ציעל איז צו קאָנ־טראָלירען די וועלט; און אַזוי ווי דאָס דייטשע פאָלק איז דאָס גרעסטע אין דער וועלט, דאַן וועט עס זיין פּשוט אַ גליק פאַר דער וועלט ווען זי וועט אַלעמען בע־הערשען. „דייטשלאַנד איבער אַלעס", איז געוואָרען דער פּאָפּולערער אויסדרוק פון דער דאָזיגער אידעע. דערפאַר האָט דייטשלאַנד'ס אידעע, אַז זי איז אַ שטאַאט איבער אַלע אַנדערע שטאַאטען, געפיהרט דערצו צו ערקלעהרען, אַז וואָס איינער פון איהר פאָלק טוט, סיי וואָס עס זאָל ניט זיין, קען ניט זיין אונרעכט ווייל דאָס איז געטאָן געוואָרען אונטער פיהרונג און אויטאָריטעט און איז דערפאַר נויטיג צום וואָהל און בעסטען פון שטאַאט. אָט דאָס איז געווען דייטשלאַנד'ס האַלטונג פאַר'ן אויסברוך פון קריעג. די דאָזיגע פּלענער פון וועלט־ערָאָבערונג געהען אונטער דעם אויסדרוק „פּאַן־גערמאַניזם". עס וועט דערפאַר אויך נויטיג זיין צו בעטראַכטען בקיצור די פּאָזיציעס פון די אַנדערע אייראָפּעאישע נאַציאָנען.

עסטרייך־אונגאַרן.

דייטשלאַנד'ס אַליאירטע אונטער דעם טריפּעל־אַליאַנס, איז אָפט בעקאַנט אַלס די דאָפּעלטע מאָנאַרכיע, ווייל דער קייזער פון עסטרייך איז אויך דער קעניג פון אונגאַרן. די נאַציאָן איז צוזאַמענגעשטעלט פון פיעלע פעלקער, וועלכע האָבען פערשיעדענע ראַסען און פערשיעדענע פּאָליטישע שטרעבונגען. איהר הערשער אָבער איז אַ דייטש. פאַר אונזער צוועק איז עס גענוג צו בעהויפּטען, אַז עס איז שוין פון לאַנג בעקאַנט, אַז האַנדלענדיג מיט אַנדערע נאַציאָנען איבער ערנסטע אינטערנאַציאָ־נאַלע פראַגען, איז עסטרייך־אונגאַרן אימער בעהערשט געוואָרען פון דייטשלאַנד. עסטרייך־אונגאַרן און דייטשלאַנד האָבען פון אימער אָן מקנא געווען און מורא געהאַט פאַר דער וואַקסענדער מאַכט פון רוסלאַנד.

איטאַליען.

איטאַליען, וואָס איז אַמאָל געווען דער צענטער פון דער גרויסער רוימישער אימפעריע, איז נאָכהער טיעף געפאַלען, ביז זי איז ענדליך געוואָרען א טייל פון עסטרייך און אונטערוואָרפען צו עסטרייכשער רעגיערערשאַפט. זי האָט דערגרייכט איהר אונאַבהענגיגקייט נאָך א לאַנגען קריעג און זי האָט זיך ווידער עטאַבלירט אַלס דאָס קעניגרייך פון איטאַליען, א קאָנסטיטוציאָנעלעס קעניגרייך עהנליך צו ענגלאַנד. עס איז איהר אָבער ניט געלונגען אריינצוקריגען אַלע לענדער בעוואוינט מיט איטאַליענער, וועלכע ליגען נאָרד און אָסט פון איהר האַלב־אינזעל נעבען דעם קאָפּ פון אדריאַטישען ים — טרענט און טריעסט. זי האָט אימער בעהויפּטעט, אַז די דאָזיגע צוויי געגענדען דאַרפען געהערען צו איהר. דאָס בעדייטעט „איטאַליא אירעדענטאַ“ — דאָס ניט אויסגעלעזטע איטאַליען. איהר טייל אין דיעזען קריעג איז דער ציעל צוריק צו געווינען דיעזע געגענדען פון עסטרייך־אונגאַרן.

טירקיי.

מיט עטליכע יאָהרהונדערטער צוריק האָט אַן אונבעדייטענדער שבט, פון אַן אָריענטאַלישען פאָלק, וואָס איז בעשטאַנען פון טאָטערען אָדער כינעזער, אָנגעפאַנגען אַן ערָאבערונגס־קריעג אונטער דער פיהרערשאַפט פון זייערען א הויפּטמאַן אָסמאַן, אָדער אָטהמאַן. זיי האָבען געהאַלטען פון דער מאַכמעדאַנישער רעליגיאָן און מיט זיך געבראַכט די רעליגיאָן: „דער קאָראַן, מס, אָדער שווערט“. זייער ערפאָלג אין קריעג, כאָטש מערקווירדיג, איז ער אָבער געווען בלויז עהנליך צום ערפאָלג פון אַנדערע פעלקער מיט גוטער מיליטערישער אָפּריכטונג, וועלכע האָבען אין אָנפאַנג דערגרייכט א גרויסען עראָבערונגס־ערפאָלג. די גרויסע רוימישע אימפעריע, צום ביישפּיעל, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען פון א קליינעם און אונבעקאַנטען שבט אין צענטראַל איטאַליען, האָט געהאַט אַן עהנליכען ערפאָלג. אַלעקסאַנדער דער גרויסער (מוקדון) איז לכתחילה געווען דער רעגיערער בלויז פון אַן אונבעדייטענדען שבט פון גריכענלאַנד, די מאַקעדאָניער. אַזוי איז דאָס אויך געווען מיט די אָטאָ־מאַנער אָדער אָסמאַנלי טערקען, ווי מען האָט זיי גערופען. פאָרטשרייטענדיג פון זייער עראָבערונג אין קליין אזיען, האָבען זיי פערפליייצט ביידע ברעגעס פון דעם מעדיטעראַנישען ים, עראָבערענדיג עגיפּטען און די זיד־זייט פון דעם מעדיטעראַ־נישען ים, בעזיעגענדיג קאָנסטאַנטינאָפּאָל (די מזרח־רעגיערונג פון דער רוימישער אימפעריע), און די דערביי ליעגענדע באַלקאַנישע האַלב־אינזעל, איינשליסענדיג אויך גריכענלאַנד. זיי האָבען איינגענומען קאָנסטאַנטינאָפּאָל אויפ'ן באָספּאָר (1453) און דאָס גאַנצע לאַנד נעבען שווארצען ים. נאָך קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָבען זיי בעזיעגט וויען און זיי זיינען ענדליך געשלאָגען געוואָרען פון די פּאָלאַקען. יאָהאַן סאָביעסקי איז דעמאָלט געווען קעניג פון פּוילען, וואָס איז שפּעטער צוטיילט גע־וואָרען צווישען פּרייסען, רוסלאַנד און עסטרייך. נאָך יאָהרהונדערטער פון מלחמה, האָבען זיי פאַרלאָרען די טעריטאָריעס אויפ'ן זיד ברעג פון דעם מעדיטעראַנישען

ים און ארום דעם שווארצען ים. זיי האבען אבער געהאלטען זייערע עראבערונגען אין איירָאפּא נאהענט צו קאנסטאנטינאפּאל, דאס הייסט, די גאנצע באלקאנישע האלב־אינזעל. זייערע בעזיצונגען אין קליין אזיען זיינען קיינמאל ניט ערנסט בע־ריהרט געווארען פון די איירָאפּעאישע לענדער. דא האט מען אלזא געזעהן א פאלק פון א פרעמדער ראסע, פון א פרעמדער שפּראך, פון א פרעמדער רעליגיאן און מיט א ביטערען האס צו קריסטענטום; פון פרעמדע געזעצען און מנהגים, און בעקאנט מיט זיינע אכזריות און ווילדקייטען. די דאזיגע אטאמאנישע טערקען זיינען געווען און געבליבען אין צאהל זעהר ווענינ אין פערגלייך מיט זייערע אונטערטעניגע פעל־קער, און רעגיערט האבען זיי דורכאויס מיט גרויזאמקייט און מיט דעם רעכט פון וואפען. איינע פון די בעהערשטע פעלקער אין קליין אזיען זיינען די ארמענער. אין איירָאפּא און אויף דער באלקאנישער האלב־אינזעל זיינען געווען די גריכען, די בעריהמטע פון דער היסטאריע. און אין צפון זייט האבען זיך געפונען די קלענערע לענדער און פעלקער, בולגאריען, סערביען, מאנטענעגרא, אלבאניען, באסניען, הער־צעגאווינא, און נאך ווייטער אין צפון, רומעניען, א פאלק, וואס בעהויפּטעט, אז עס שטאמט אפּ פון די רוימער. אלע די דאזיגע קריסטליכע פעלקער זיינען געווען אונטערוואָרפען צו טירקיי. זיי זיינען געווען זעהר אונרוהיג אונטער דער גרויזאמער הערשאפט פון זייערע הארען און פון צייט צו צייט פלעגען אויסברעכען מלחמות מיט מעהר אדער ווענינער ערפאלג פאר זייער אונאבהענגיגקייט. אין אלגעמיין אבער האט איירָאפּא זיך ווענינ וואס פעראינטערעסירט אין זייערע געשעפטען. די הויפּט אורזאכע דערפאר וועט דא שפּעטער אנגעגעבען ווערען. דער גרויסער קאנצ־לער, ביסמארק, אונטער דעם קייזער'ס זיידען און טאטען, וועלכער איז געווען מעהר פעראנטוואָרטליך פאר דייטשלאנד'ס ערפאלג ווי אירגענד אן אנדערער מענש, האט ערקלעהרט, אז די גאנצע באלקאנישע האלב־אינזעל „איז ניט ווערט די ביינער פון איין פּאמעראנישען גרענאדיער".

רוסלאנד.

רוסלאנד איז געווען א ריעזיגע נארד אימפּעריע, וואס האט אין זיך ארייג־גענומען א גרויסען טייל פון איירָאפּא און זיך אויסגעשפּרייט העט ווייט איבער אזיען ביז צום פּאציפישען אקעאן. זי צעהלט מעהר ווי צוויי הונדערט מיליאן מענשען. אין ברייטען זין פון ווארט, זיינען זיי פון דער סלאווישער ראסע. דא קען מען בעמערקען, אז אלע פעלקער פון איירָאפּא (אויסער די טערקען און הונען) בעלאנגען צו דער אינדא־איירָאפּעאישער מענשען־פאמיליע, וואס ווערט געטיילט אין סלאווען, טעאוטאנען, גאליער, לאטיינער און אזוי ווייטער. רוסלאנד מיט איהרע גרויסע מאסען און איהרע נאטירליכע קוועלען פון רייכטום האט אויך געוואלטיגע מענשליכע קרעפטען. איהר ענטוויקלונג איז ניט נאר געשטערט געווארען דורך איהר אויטא־קראטישער רעגיערונגס־פארם, וואו דער צאר און זיינע יועצים זיינען געווען די העכסטע רעגיערער, נאר אויך דערפאר ווייל די מענער וואס האבען געהאט די דאזיגע קראפט האבען זי שלעכט בענוצט און צוריקגעהאלטען דעם פארטשריט פון

דער נאציאָן. דאָס ארײנדרינגען פון דער טערקיי אין אייראָפּא האָט צוטײלט די סלאַווען, ווייל מאנכע פון די באלקאנישע מדינות, איבערהויפּט סערביען און בול־גאריען, באָסניען און הערצעגאָווינא זיינען געווען סלאַוויש. צוויי הויפּט פּאקטען אין רוסלאנד'ס נאציאָנאלע ציעלען דארף מען ניט פערגעסען. ווי גרויס איהר טעריטאָריע איז, איז דאָס אלץ געווען נאָרד־לאנד און איהרע ים־האפענס זיינען געווען אום ווינטער אָפּגעשלאָסען דורך אייז. זי האָט בעדארפט פאר'ן קאָמערץ כאָטש איין „ווינטערדיגען האפען", דאָס הייסט, א לאנד וואָס גרענעצט זיך מיט אן אָפּענעם האפען אום ווינטער. אין איהר לאנד געפינט זיך אויך דער שווארצער ים, וואָס איז פארבונדען דורך די ענגע וואסער־וועגען, באָספּאָר און די דארדאנעלען, מיט'ן מעדיטעראנישען ים, און דורך דאָרט אויך מיט די ימים פון דער וועלט. אָבער די בעלי־בתים פון יענעם דורכגאנג זיינען געווען די טערקען פון קאָנסטאנ־טינאָפּאָל. די רציחות וואָס די טערקען האָבען בעגאנגען קעגען די סלאַווישע פעל־קער, זייער שנאה צו אלע פאָרמען פון מאָדערנער ענטוויקלונג, די געמיינהייט און קאָרופּציאָן, צוזאמען מיט רוסישע אינטערעסען, האָבען געפיהרט צום קריעג פון 1878. רוסלאנד האָט דעמאָלט געפיהרט קריעג קעגען טירקיי אום זי ארויסצוטרייבען פון אייראָפּא און פאר זיך פערזיכערען א פרייען איינגאנג צום מעדיטעראנישען ים. רוסלאנד האָט געזיעגט אין יענעם קריעג, אָבער די אנדערע אייראָפּאישע מעכטע פון יענער צייט, מורא האָבענדיג פאר רוסלאנד'ס פּלענער און אבזיכטען, האָבען זיך ארײנגעמישט, צושטערט איהרע פּלענער און ניט צוגעלאָזט זי זאָל אוועקנעהמען קאָנסטאנטינאָפּאָל. זי האָט אָבער געצוואונגען טירקיי אנצוערקענען די אונאָפּהענ־גיגקייט פון סערביען, מאָנטענעגראָ, בולגאריען און רומעניען.

דער צווייטער פאקט איז, אז רוסלאנד איז געוואָרען דער בעשיצער פון די סלאַווישע באלקאנישע שטאאטען. ניט לאנג צוריק (1912) האָבען אייניגע פון די דאָזיגע באלקאנישע שטאאטען (גריכענלאנד, סערביען, מאָנטענעגראָ און בולגאריען) זיך פעראייניגט אום צו קעמפּפען צוזאמען און בעזיעגען אייראָפּאישעס טירקיי. זיי זיינען ארויס די זיעגער, אָבער די גרויס־מעכטע האָבען זיי ניט ערלויבט צו טאָן וואָס זיי ווילען און צוטיילען די בעזיעגטע טעריטאָריע. מען האָט מיט זיי פּונקט אזוי געטאָן ווי מיט רוסלאנד. בולגאריען האָט בעהויפּטעט, אז מען האָט זי שלעכט בעהאנדעלט ביי דער פערטיילונג און דאָס האָט געפיהרט צו א צווייטען באלקאנישען קריעג, וואו סערביען און גריכענלאנד האָבען זיך פעראייניגט און געשלאָגען בול־גאריען. רוסלאנד, ווי בעקאנט, האָט זיך אימער אָנגענומען בולגאריען'ס קריוודע. בולגאריען האָט עס דערפאר שטארק פערדראָסען וואָס רוסלאנד איז איהר ניט גע־קומען צו הילף, כאָטש ווי רוסלאנד האָט עס געקענט טאָן געגען די אנדערע סלאַווישע שטאאטען, איז ניט פערשטענדליך. צום שלום פון רוסיש־טערקישען קריעג (1878) האָט מען בעשלאָסען, אז עסטרייך־אונגארן, וועלכע ליעגט נאָרד פון דער באלקא־נישער האלב־אינזעל און איז א נאָהענטער שכן, זאָל האָבען א מין פּאָליציי־פּראָ־טעקציע איבער מאנכע פון די אונרוהיגע קעניגרייכען (אונגעפעהר אזא מין פּראָ־טעקציע וואָס מיר גיבען קובא), און דאָס זאָל געדויערען אזוי לאנג ביז זיי וועלען קענען אכטונג געבען אויף זייערע אייגענע געשעפטען. אנשטאָט אָבער דאָס צו

טאָן, האָט עסטרייך־אונגאַרן אויסגענוצט די געלעגענהייט ווען רוסלאַנד האָט געפיהרט קריעג מיט יאַפּאַן, און אַוועקגענומען די צוויי לענדער, באָסניען און הערצעגאָווינאַ. זיי זיינען געווען סלאַווישע לענדער. סערביען האָט אַלץ געגלויבט, אַז מען וועט זיי פעראייניגען מיט איהר, און אַזוי וואָלט עס אויך געווען ווען מען וואָלט איהר ערלויבט צו זאָגען אַ דעה. דאָס האָט געפיהרט צו גרויסער אונצופריעדענהייט אין רוסלאַנד ווי אויך אין סערביען. דער קייזער האָט „געקלונגען מיט זיין שווערט" און געסטראַשעט רוסלאַנד מיט קריעג אין פאַל זי וועט זיך אריינמישען (1908).

פראַנקרייך.

די פראַנצויזישע רעפּובליק האָט שטאַרק געליטען פון דעם וואָס זי האָט געמוזט צאָהלען שאַדענערזאַץ און אַוועקגעבען באָדען נאָך איהר לעצטען קריעג מיט דייטשלאַנד (1—1870). מען האָט פון איהר צוגענומען צוויי בעליעבטע און פראַנצויזיש־שפּרעכענדע פּראָווינצען — עלזאַס און לאָטהרינגען. פּיעלע אין אייראָפּאַ האָבען געהאָפּט, אַז עס וועט נאָך קומען אַ טאָג ווען זי וועט קענען צוריקגעווינען די פּראָווינצען וואָס דייטשלאַנד האָט ערָאָבערט. עס איז אָבער קיין צווייפעל, אַז ווען פראַנקרייך האָט געמערקט ווי דייטשלאַנד'ס בעפעלקערונג וואַקסט און איהרע שטעהט אויף איין פּלאַץ, איז די דאָזיגע האָפנונג שוואַכער געוואָרען. די פראַנצויזען האָבען דערווייל גוט שטודירט דייטשלאַנד'ס אַבזיכטען און פּלענער, און נאָך איידער דער איצטיגער קריעג האָט אויסגעבראָכען האָבען זיי געוואוסט, אַז די דייטשען ווילען ערָאָבערען די וועלט. דאַן האָט זי זיך געמאַכט מוטה, ניט פאַר אַנגריף, נאָר צו בעגעגנען דעם דאָזיגען גרויסען שטורם. זי האָט בעגריפען, אַז אַליין איז זי מאַכטלאָז געגענאיבער דייטשלאַנד, און זי האָט זיך בעפריינדעט מיט רוסלאַנד און מיט ענגלאַנד, פון וועלכען עס זיינען אַרויסגעקומען די עליים. זיי האָבען זיך איינפערשטאַנען, אַז זיי ווילען ניט זיין קיין אַנגרייפער, נאָר זיי האָבען בעשלאָסען וואָס צו טאָן אין פערטיידיגונג ווען די צענטראַל מעכטע ווילען אַנגרייפען. יעדער האָט געוואוסט, אַז עסטרייך־אונגאַרן וועט האַנדלען פּונקט ווי דייטשלאַנד וועט הייסען. מען האָט אויך מורא געהאַט, אַזוי ווי איטאַליען בעלאַנגט צום דריי־בונד וועט זי זיך אַנשליעסען צו זיי. איטאַליען האָט זיך אָבער ענטזאַגט אַנטייל צו נעהמען בעהויפּטענדיג, אַז דער דריי־בונד איז נאָר געשאַפען געוואָרען פאַר זעלבסט־פּערטיידיגונג, וועהרענד דער דאָזיגער קריעג איז אַן אַנגרייפענדער און איז אַרויסגערופען געוואָרען פון דייטשלאַנד און עסטרייך־אונגאַרן.

ענגלאַנד.

ווייל ענגלאַנד איז אַן אינזעל, ווייל זי איז אַ גרויס פאַבריצירענדעס און עקספּאָרטירענדעס לאַנד, ווייל זי הייננט אָפּ פון אימפּאָרטירטער נאַהרונג, ווייל זי האָט קאָלאָניען איבער'ן גאַנצען ערד־קוגעל, האָט זי פאַר זעלבסט־שוץ געבויט און

אויסגעהאלטען די שטארקסטע פלאָטע אין דער וועלט. זי האָט ניט געהאט אזא אָרגאניזירטע ארמעע ווי די אנדערע אייראָפּעאישע פעלקער. איהר גאנצע רעגולערע און שטעהענדע ארמעע ביים אויסברוך פון קריעג האָט ניט געצעהלט אזוי פיעל מענשען ווי זי האָט היינט בלויז אין איהר עראָפּלאַן סקאדראָן. כאָטש ענגלאנד איז אין נאָמען א קעניגרייך, איז זי אָבער אין דער ווירקליכקייט א רעפּובליק ווי די פעראייניגטע שטאאטען. וועהרענד זי איז געווען פאַרבערייטעט מיט איהר פלאָטע זיך צו פערטיידיגען, האָט אָבער קיין פערנינפטיגער מענש ניט בעהויפּטעט, אז זי רעכענט צו בעזיעגען די וועלט. דער פאקט, אז זי האָט ניט געהאט קיין גרויסע ארמעע בעווייזט, אז איהרע פיהרער האָבען ניט געהאט קיין וועלט־עראָבערונגס פּלענער. ווייל בלויז א פלאָטע, וועלכע קען בעשיצען קעגען דער איינדרינגונג דורכ'ן ים, קען ניט בעזיעגען קיין פערטיידיגענדעס לאנד. איבריגענס האָט זי געהאט גענוג וואָס זי בעזיצט אין אינדיען, אפריקא, קאנאדא, אויסטראַליען און ניי זעלאנד אום ניט געהן זוכען נאָך און נאָך.

בעלגיען.

דאָס קליינע קעניגרייך פון בעלגיען וואָס שטעהט מיט איהר פראָנט צום נאָרד־זעע נעבען דעם ענגלישען קאנאל, וועמעס לאנד בעשטעהט, מייסטענטיילס, פון ניעדריג־ליגענדע פלאַכען, איז גאראנטירט געוואָרען דורך א טראקטאט, אז אין אירגענד א קריעג וועט איהר באָדען ניט געטשעפּעט ווערען. אין דער פערגאנגענהייט איז איהר לאנד פיעלע מאָל פערטרונקען געוואָרען אין בלוט פון קריעגערישע נאציאָנען. איהר בעפעלקערונג, כאָטש ניט פיעל אין צאָהל, איז פון דעסטוועגען געווען ענטשלאָסען צו קעמפּפען ביז צום לעצטען מאן פערטיידיגענדיג איהרע פרייהייטען. איהר לאנד ליעגט אזוי אז דאָס בילדעט דעם פּאסענדסטען דורכגאנג פאר דייטשלאנד און פאר פראנקרייך אָנצוגרייפען איינע די צווייטע. יעדע אייראָפּעאישע נאציאָן אין דער וועסט, אריינגערעכענענדיג ענגלאנד, איז געווען פעראינטערעסירט אויפצוהאלטען בעל־גיען'ס אונאבהענגיגקייט; ווייל ווען דייטשלאנד זאָל קאָנטראָלירען בעלגיען, וואָלט דאָס געווען א נייער סטראַשונאָק געגען פראנקרייך און א גרעסערע געפאהר פאר ענגלאנד וואָס ליעגט בלויז עטליכע מייל פון יענער זייט קאנאל. אונטער די דאָזיגע אומשטענדען, האָבען פראנקרייך, עסטרייך, פּרייסען און ענגלאנד גאראנ־טירט דורך א טראקטאט ניט נאָר בעלגיען'ס אונאָפּהענגיגקייט, נאָר אויך, אז איהר לאנד זאָל ניט פערלעצט ווערען דורך א פיינדליכער ארמעע. דאָס קליינינקע בעלגיען וויעדער האָט איינגעשטימט אָנצוהאלטען איהר נייטראַליטעט און זיך בעדיענען מיט איהר גאנצער מאכט צו בעשיצען איהר באָדען געגען א פיינדליכען איינדרינגער. שווייץ, אין דער זיד־זייט, האָט זיך געפונען אין דערזעלבער לאגע ווי בעלגיען.

בולגאַריען, גריכענלאַנד, רומעניען און יאַפּאַן.

בולגאַריען, אָבוואָהל סלאַוויש און שטארק פערפּליכטעט צו רוסלאנד פאר איהר אונאָפּהענגיגקייט, האָט זיך אָנגעשלאָסען צו דייטשלאנד און צו טירקיי (איהר

אלטע אונטערדריקערין) אום צו בעזיעגען סערביען. זי האט בעהויפטעט, אז זי טוט דאס בלויז אום צוריק געווינען באדען וואס סערביען האט פון איהר אוועקגענומען מיט אונרעכט. זי האט עס אבער געטאן אונטער דייטשען איינפלוס, ווייל דייטשלאנד האט שוין פון לאנג זיך בעשעפטיגט צו זעצען דייטשע רעגיערער איבער די באלקאנישע מדינות, און דער קעניג פון בולגאריען איז געווען איינער פון זיי.

גריכענלאנד, פערבונדען מיט אן אבמאך צו העלפען סערביען, האט עס ניט געטאן דורך דייטשען איינפלוס. דעם קעניג'ס ווייב איז געווען דעם דייטשען קייזער'ס שוועסטער. די עליים זיינען געווען הילפלאז צו ראטעווען סערביען און מאנטענעגרא, ווייל דאס צו טאן וואלט געהייסען צו לאזען א שטארקע גריכישע ארמעע אין רוקען, וואס וועט זיי קענען אנגרייפען. ענדליך האבען די עליים געצוואונגען דעם גריכישען קעניג ער זאל ארונטער פון טראהן און ארויפגעזעצט זיין זוהן. אבער גריכענלאנד איז איצטער אין דער ווירקליכקייט רעגיערט פון ווענעזועלאס, דער פרעמיער מיניסטער, וועלכער סימפאטיזירט מיט די עליים.

רומעניען, רייך אין ווייץ און סטאדעס, האט אימער סימפאטיזירט מיט די עליים. זי האט געפאדערט די פרוכטבארע לענדער פון טראנסילוואניען, וועלכע זיינען בעהערשט פון עסטרייך נאר בעוואוינט מיט רומענער. זי איז אריין אין קריעג און אין א קורצער צייט ארום איז זי פערוויסט און צושטערט געווארען פון דייטשע, עסטרייכישע און טערקישע ארמעען. זי האט עפענטליך ערקלעהרט, אז אין דיעזער בעציהונג איז זי פערראטען געווארען דורך רוסלאנד, וועלכע האט פערשפראכען זי צו בעשיצען און זי האט עס ניט געטאן. עס איז קיין צווייפעל, אז דעם קייזער'ס איינפלוס איבער'ן צאר איז געווען זעהר גרויס, ווי אויך דער איינפלוס פון דעם צאר'ס דייטשע פרוי, און דאס איז געווען די אורזאך פון דעם צאר'ס מפלה.

יאפאן, פערבונדען דורך אן אבמאך מיט ענגלאנד, איז אויפגעפאדערט געווארען צו צושטערען דייטשען איינפלוס אויפ'ן פאציפישען ים. זי האט עס גלייך געטאן און זי איז פעראנטווארטליך דערפאר וואס דער פאציפישער אקעאן איז פריי פון דייטשע פיראטען.

פוילען און בעהמען.

פוילען, אמאל א קעניגרייך אין אייראפא, דאס צווייטע אין גרויסקייט נאך רוסלאנד, איז אין 1772—1795 צוריסען געווארען און צוטיילט געווארען צווישען פרייסען, רוסלאנד און עסטרייך. דאס איז בעקאנט אלס „דאס פערברעכען פון דער צוריסונג פון פוילען". פון צייט צו צייט האבען די פאלאקען פרובירט צו רעוואלטירען אום צוריק צו געווינען זייער אונאבהענגיגקייט, אבער זיי האבען ניט געהאט קיין ערפאלג. קאסציוסקא איז געווען איינער פון איהרע רעוואלוציאנערע העלדען, און פיעלע פון אייך האבען געלעזען ווי אזוי „די פרייהייט האט געיאמערט ווען קאסציוסקא איז געפאלען". די עליים האבען בעשלאסען ווידער צו עטאבלירען פוילען אלס א נאציאן. פוילען'ס לאגע אפעלירט צו דער גערעכטיגקייט און סימ־

פאטיע פון דער וועלט. ווען איהר קעניג, יאהאן סאביעטסקי, האט פערטריבען די טערקען האט ער ניט נאר געראטעוועט עסטרייך, נאר פיעלייכט אויך גאנץ אייראפּא איז לויז געווארען פון טערקישער הערשאפט. די פרייד איז געוועזן אזוי גרויס, אז די גייסטליכע אין די קריסטליכע קירכען האבען געפרעדיגט פון דער ביבעל: „עס איז געוועזן א מאן, געשיקט פון גאט, און זיין נאמען איז געוועזן יאהאן“.

בעהמען, סלאוויש אלס ראסע, איז אמאל געוועזן אן אונאבהענגיגעס קעניגרייך, איצטער אונטער עסטרייכישער הערשאפט. מיט יאהרען צוריק האט זי צוזאמענגערופען אן אסיפה פון אלע סלאווישע פעלקער אונטער עסטרייכישער ממשלה, און דער איינציגער רעזולטאט דערפון איז געווען, וואס עסטרייך האט זי ערפאלגרייך אנגעגריפען.

דייטשלאנד׳ס איבערגעביטענע וועלט פאליטיק.

דייטשלאנד׳ס וועלט פאליטיק האט זיך איבערגעביטען פון דער צייט ווען איהר גרויסער קאנצלער ביסמארק האט בעהויפטעט, אז די גאנצע באלקאנישע האלבאינזעל האט ניט די ווערט „די ביינער פון איין פאמעראנישען גרענאדיער“. די ענדערונג איז געקומען ווען דייטשלאנד האט בעשלאסען צו עראבערען די וועלט, גלויבענדיג דערביי, אז זי קען עס טאן. אזעלכע פלענער ווערען ניט פארטיג אין איין טאג. א נאציאן רעכענט צו לעבען אייביג און זי פרובירט צו בליקען אין א צוקונפט, וואו זי וועט פארמירען איהר גליק. ביסמארק האט אנגעוויעזען אויף דער גוטער מיליטערישער פאליטיק פון שלאגען די שונאים איינציגווייז, און אין פאל מען בעשליעסט צו בעזיעגען א געוויסע נאציאן, זאל מען זי פריהער אפזונדערען פון די אנדערע נאציאנען דורך איינרעדעניש, צוואנג אדער פעראייניגונג, ביז מען קען זי אליין אנגרייפען און אונטערטעניג מאכען אהן פיעל מיה. דייטשלאנד׳ס פלאן איז אלזא דעמאלט געווען ניט צו בעזיעגען די גאנצע וועלט ערקלעהרענדיג אן אלגעמיינעם קריעג, נאר אנפאנגענדיג אין אייראפּא זאל זי איינציגווייז ברענגען די נאציאנען אונטער איהר יאך. אין די יאהרען פון איהרע פארבערייטונגען איז זי געווען מערקווירדיג בעשעפטיגט אין דער ענטוויקלונג פון איהר ארמעע און פלאטע און זיך ענטזאגט אויף ענגלאנד׳ס אויפפאדערונג איינצושטימען מיט איהר, אז ביידע זאלען אויפהערען צו בויען קריעגס־שיפען. זי האט זיך אנגעכאפט אן צוויי אמעריקאנישע ערפינדונגען, די סובמארין און פליה־מאשין, אין געהיים האט זי זיי ענטוויקעלט און פערבעסערט. זי האט עס געמאכט דעם פלאן צו צושניידען אייראפּא און קליין אזיען אין צווייען קאנטראלירענדיג דאס לאנד פון דער נארד־זעע ביז צום פערזישען גאלף. א בליק אויף דער לאנד־קארטע וועט וועיזען וואס דאס בעדייטעט. עס האט בעדייטעט אריינצונעהמען האלאנד און בעלגיען, מאכען פון פראנקרייך א קליינע און אונבעדייטענדע מאכט, ארויסטרייבען רוסלאנד אינגאנצען אדער טיילווייז פון אייראפּא, בעהערשען טירקיי אין אייראפּא און אין קליין אזיען, און אזוי אויסברייטען איהר מאכט ביז צום פערזישען גאלף. זי האט פערשטאנען, אז די לעזונג פון דער רוסישער און פראנצויזישער פראגע, ווי אויך די פראגע פון

האָלאַנד און בעלגיען, קענען נאָר קומען דורך קריעג. טירקיי קען קאָנטראָלירט ווערען דורך אַ דייטשען פּראָטעקטאָראַט, און צו דעם צוועק איז מיט עטליכע יאָהר צוריק דער קריסטליכער קייזער געפאָהרען קיין טירקיי, די אונטערדריקערין פון קריסטליכע פעלקער, און עפענטליך זיך ערקלעהרט, אז ער איז טירקיי'ס בעשיצער און אויך דער בעשיצער און פערטיידיגער פון מאכמעדאנישען גלויבען. ער האָט גרינג געקריגען די קאָנצעסיע צו בויען זיין באהן דורך קליין אזיען צום פּערזישען גאָלף, אָבער צו פיהרען דיעזע אייזענבאהן ביז נאָך דייטשלאַנד, האָט מען דאָס בעדאַרפט ציהען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל וועסט און נאָרד. דער איינציגער וועג איז געווען דורך דער באלקאנישער האלב־אינזעל און דורך סערביען, און אזוי איז סערביען אריינגערעכענט געוואָרען אין דייטשלאַנד'ס פּלענער. דער דאָזיגער וועג איז אויך בעשטימט געוואָרען צו זיין אַ גרויסער מיליטערישער וועג פון אירגענד אַ פּונקט וואָס דייטשלאַנד וועט דאַרפען גרייכען נאָרד אָדער זיד, אָסט אָדער וועסט. עס איז געווען די גרויסע ליניע ווען די צייט וועט קומען צו אונטערוואַרפען פּערזיען, אינדיען, עגיפּטען און רוסלאנד'ס זידליכע בעזיצונגען. וועהרענד עס האָט געגעבען די קאָנטראָלע איבער די באַלקאַנען, האָט עס אויך געגעבען דייטשלאַנד דעם פּאָרצוג צו פיהרען שנעל איהרע טרופּען איבעראַל וואוהין דער קריעג רופט זיי. דייטשלאנד האָט אויך געבויט דעם קיעל קאנאל דורך דער דענישער האלב־אינזעל, זיך נעהמענדיג דערביי אַ וואסער־פערבינדונג פאר איהרע גרויסע קריעגס־שיפען צווישען נאָרד־זעע און באַלטישען אָקעאַן. איהר אייזענבאהן, אום זי זאָל נוצען צו מיליטערישע צוועקען, האָט געמוזט לויפען דורך דייטשע לענדער און אויך דורך לענדער פריינדליך צו דייטשלאַנד. עס האָט געמוזט דורכגעהן און איז דורכגעגאנגען סערביען. אָבוואָהל סערביען איז געווען אן אונאבהענגיגעס לאנד, איז דורך איהר ראַסע געווען סימפּאַטיש צו רוסלאנד. עס איז געווען גוט בעקאַנט, אז רוסלאנד האָט ערקלעהרט, אז זי וועט בעשיצען די אינטערעסען פון די סלאַווישע לענדער אין די באלקאנען. סערביען איז געווען אין כעס אויף עסטרייך פארוואָס זי האָט ביי איהר אוועקגענומען די צוויי סלאווישע פּראָווינצען באָסניא און הערצעגאָווינא. עס איז אָבער געלעגען אין דייטשלאנדס אינטערעסע ניט צו ערלויבען סערביען זי זאָל וואקסען און ווערען שטארקער. אָט דערפאר האָט עסטרייך צוגענומען די צוויי פּראָווינצען.

דער אויסברוך.

מיר קענען זיך איצטער ווענדען צום מיטען פון יאָהר 1914, ווען צום אָנפאנג אויגוסט האָט אויסגעבראָכען דער גרויסער קריעג. לויט די ענטדעקונגען ביז יעצט, איז עס קיין צווייפעל, אז דייטשלאַנד האָט אויפגעצוואונגען דעם קריעג. זי האָט געגלויבט, אז די פּאסענדע צייט איז געקומען, ווען זי וועט קענען עטאבלירען איהר הערשאפט איבער אייראָפּא, אויסער ענגלאַנד. איהרע שפּיאָנען און אַגענטען האָבען אָבער מיטגעטיילט, אז רוסלאנד וועט ניט זיין זעהר היציג אונטער דער אטאקע. זי האָט אויך געגלויבט, אז רוסישע בעאַמטען־קאָרופּציאָן איז געווען אזוי גרויס,

אז איהר ארמעע און פלאטע וועלען ניט זיין גאנץ פארבערייטעט. זי האט אויך געוואוסט, אזוי ווי אין רוסלאנד פעהלען טראנספארטאציאנס מיטלען, וועט עס פאר איהר זיין זעהר שווער צו מאביליזירען און צוזאמענגעהמען איהר ארמעע. וואס עס אנבעלאנגט פראנקרייך, האט זי געגלויבט, אז דער רעפובליק'ס מיליטערישע מאכט איז אונבעדייטענד און זי האט אויך געוואוסט, אז זי האט געשלאגען פראנקרייך אין 1871—1870 אין א קורצען קריעג. פיעלע פראנצויזישע צייטונגען האבען עפענטליך בעקלאגט און בעדויערט דעם טרויעריגען צושטאנד פון דער ארמעע אין אלע דעפארטמענטען. זי האט געגלויבט, אז איטאליען וועט זיך אנשליסען צו איהר, אלס א מיטגליעד פון דריי־בונד, אדער, אין ערגסטען פאל, וועט זי פערבלייבען נייטראל. ענגלאנד האט געהאט גרויסע אינערליכע צרות דורך דער איירישער האום רול פראגע. אין דער נארד־פראווינץ פון אירלאנד האט זאגאר שוין אויסגעבראכען א רעוואלוציאן. דער קייזער איז געווען דער פראקלאמירטער פערטיידיגער און בעשיצער פון מאכמעדאניזם. אין אינדיען, וואו עס געפינען זיך מיליאנען מאכמעדאנער, האט דייטשלאנד גערעכענט, און מיט דער הילף פון טערקישען סולטאן, וועט זי דארט קענען ארויסרופען א דזשעהאד, אדער היילינער קריעג, פון די מאכמעדאנער געגען די קריסטען. דאס אלעס, צוזאמען מיט איהר פעראכטונג צו ענגלאנד'ס קליינע ארמעע, האט בעוואויגען דייטשלאנד צו גלויבען, אז ענגלאנד וועט פערבלייבען נייטראל ווען זי וועט אנגרייפען רוסלאנד מיט פראנקרייך. דער זיעג איבער די דאזיגע מעכטע וועט עס מאכען פאר איהר זעהר גרינג, ביי דער פריעדען שליעסונג, צו פערלאנגען, אז זי זאל בעהערשען בעלגיען און האלאנד. סערביען וועט מוזען ענטוועדער אוועקגענומען ווערען אדער צושמעטערט ווערען. האבענדיג די דאזיגע איירפאפעאישע נאציאנען און צולעגענדיג זייערע פלאטען צו איהר פלאטע, וועט שפעטער קומען ענגלאנד'ס פאל אהן מיה. ווען זי וועט פארטיג ווערען מיט ענגלאנד, וועט זי זיך נעהמען צו אמעריקא, און מיר האבען דאס ווארט פון אונזער געוועזענעם אמבאסאדאר אין דייטשלאנד, אויסער אנדערע בעוויזע, אז דייטשלאנד האט געפלאנעוועט אריינצודרינגען און בעזיעגען די פעראייניגטע שטאאטען.

וועהרענד עס איז אמאל געווען די מאדע צו פיהרען קריעג בלויז פאר עראבערונג, האט די אינטערנאציאנאלע מאראל דערגרייכט די שטופע ווען מען האט ניט גינסטיג געקוקט אויף אזעלכע מלחמות. דאס איז אזוי אמת, אז זעהר ווייניג נאציאנען האבען ערווארטעט צו קריגען אן ענטהוזיאסטישע שטיצע פון זייערע אייגענע בירגער, אויסער ווען דאס פאלק וואלט זיך איבערצייגט, אז עס איז א גערעכטער קריעג. דערפאר האט דער גרויסער ביסמארק געזאגט, אז „אום א קריעג זאל זיין ערפאלגרייך, מוז ער זיין פאפולער, און אום ער זאל זיין פאפולער, מוזט איהר מאכען אייער פאלק גלויבען, אז עס איז אנגעגריפען געווארען". מיט יעהען פלאן אויסגעארבייט, זאגאר אויך מיט איהר פערלעצונג פון דעם טראקטאט מיט בעלגיען, און גלויבענדיג, אז דער פאסענדער מאמענט איז געקומען, האט דייטשלאנד נאך אימער געדארפט האבען עפעס אן ענטשולדיגונג אום צו פערדעקען דאס שרעקליכע פערברעכען וואס זי האט געפלאנעוועט. די דאזיגע ענטשולדיגונג האט זי אויס־

געארבייט פון דעם מאָרד פון עסטרייכישען קרוינפרינץ מיט זיין פרוי, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 28טען יוני, 1914, ווען זיי האָבען גערייזט איבער באָסניען. מען דאַרף דאָ ניט פערגעסען, אז באָסניען איז געוואָרען א טייל פון עסטרייך. דער מאָרד איז דורכגעפיהרט געוואָרען פון א באָסניער, וועלכער איז ארויפגעשפרונגען אויף די טרעפּען פון זייער דראָשקע און זיי ביידען דערשאָסען אויף טויט. עס איז געווען דייטליך אז דאָס פערברעכען איז בעגאנגען געוואָרען פון אן אנארכיסט, פונקט ווי פריהער איז ערמאָרדעט געוואָרען די אלטע עסטרייכישע קייזערין אין דער שווייץ. כאָטש דאָס איז געווען א געמיינהייט און עס האָט ארויסגערופען שוידער און עמפּעהרונג, האָט עס אָבער ניט געהאט קיין פּאָליטישע בעדייטונג. צייט איז פאָראיבער. די אויסערע וועלט האָט געדענקט פון אנדערע זאכען. זאָגאר די שטאאטסמענער פון די אליאירטע נאציאָנען האָבען בעטראכט דעם עפּיזאָד אלס געענדיגט, ווען פון א קלאָרען הימעל, אָהן דער מינדסטער ווארנונג, האָט עסטרייך, אם 23טען יולי 1914, געשיקט אָן איבערראשענדען אולטימאטום צו סערביען. עס איז דאָ ניט נויטיג ארייןצוגעהן אין די איינצעלהייטען פון עסטרייך'ס פאָדערונגען. זיי זיינען געווען זעהר ערניעדריגענד. עסטרייך האָט בעשולדיגט סערביען, אז זי האָט ערלויבט און דורכגעפיהרט די קאָנספּיראציע, וואָס האָט געפיהרט צום טויט פון דעם טראָהנפאָלגער און זיין פרוי. ארעסטען האָבען געמוזט געמאכט ווערען. פּראָצעסען זאָלען אָנגעפיהרט ווערען אונטער עסטרייך'ס הערשאפט. אונטערטעניגע ווידוי'ס וועלען מוזען געמאכט ווערען, אז מען האָט בעגאנגען א פעהלער און פער־שפּרעכען, אז אין דער צוקונפט וועט מען זיך אויפפיהרען אנשטענדיג, און דאָס זאָל פאָרגעלעזען ווערען פאַר דער סערבישער ארמעע. ציווילע און מיליטערישע בעאמטע פון סערבישען קעניגרייך מוזען ענטלאסען ווערען. דאָס און נאָך מעהר האָט עסטרייך פערלאנגט פון דער קליינער סערביען. די שטאאטסמענער פון דער וועלט שטימען איין, אז מען האָט נאָך קיינמאָל ניט געשטעלט אזעלכע פאָדערונגען צו קיין אונאבהענגיגער נאציאָן, און דאָס איז אומיסטען געטאָן געוואָרען כדי סער־ביען זאָל עס ניט אָננעהמען, און אזוי זאָל קענען עסטרייך אָנפאנגען א קריעג. צו וואָס דאָס וואָלט געפיהרט האָט יעדערער פערשטאנען. רוסלאנד, לויט טראַק־טאָט און לויט עהרען־פליכט וואָלט געמוזט בעשיצען סערביען געגען פערניכטונג, און זי וואָלט דערפאר געמוזט ערקלעהרען קריעג געגען עסטרייך. דייטשלאנד, לויט טראַקטאָט, וואָלט דאן געמוזט העלפען עסטרייך. פראנקרייך וויעדער וואָלט גע־מוזט העלפען רוסלאנד, און אזוי וואָלט אויסגעבראָכען דער קריעג וואָס דייטשלאנד האָט געוואָלט האָבען. סערביען'ס צייט צו ענטפערען אויף עסטרייך'ס אולטימאַטום איז געווען בעגרענעצט אויף 48 שטונדען. ענגלאנד, פראנקרייך, רוסלאנד און איטא־ליען האָבען אלע געוואָלט פערהינדערען אן אייראָפּעאישען קריעג, און זייערע שטאאטס־מענער האָבען אָנגעווענדעט אלע מעגליכקייטען צו דעם צוועק. סערביען, אויף רוסלאנד'ס פערלאנג, אום צו פערמיידען קריעג, האָט געענטפערט מיט א גרויסער אונטערטעניגקייט נאָכגעבענדיג אלע עסטרייך'ס פאָדערונגען אויסער איינע און וואָס עס אנבעלאנגט דיעזע פאָדערונג (פּראָצעסען אין סערביען אונטער עסטי־רייכישער קאָנטראָלע) האָט זי איינגעשטימט איבערצוגעבען די פראגע צום גרויסע

האאגער פריעדענס־טריבונאל. סערביען האט זיך אזוי ערניעדריגט, אז די בער־
לינער צייטונגען האבען געמעלדעט, אז סערביען האט נאכגעגעבען און קריעג איז
פערמיעדען געווארען. מיט צוויי שטונדען שפעטער האט מען אונטערדריקט די
דאזיגע צייטונגען און דאן האבען זיי געמוזט דרוקען, אז סערביען האט צוריק־
געוויעזען עסטרייך׳ס פאדערונגען און קריעג איז אונפערמיידליך. וועהרענד די
דיפלאמאטען האבען זיך בעמיהט צו מאכען פערשיעדענע פארשלעגע וועגען פריעדען,
האט זיך עסטרייך דערווייל מאביליזירט געגען סערביען און רוסלאנד האט מאבי־
ליזירט געגען עסטרייך. אלע מעגליכקייטען זיינען געטאן געווארען דורך ענגלאנד,
פראנקרייך, איטאליען און רוסלאנד צו פערמיידען די קאטאסטראפע. זייערע בקשות
זיינען נאטירליך געמאכט געווארען צו דייטשלאנד, וויסענדיג אז זי קען קאנטראלירען
עסטרייך. וועהרענד דייטשלאנד האט אויסגעדריקט א וואונש פאר פריעדען, האט
זי זיך אבער ענטזאגט עפעס צו טאן, בעהויפטענדיג, אז די עהרע פון איהר פער־
בינדעטע, עסטרייך, איז פערמישט, און וואס עס אנבעלאנגט א פראגע פון עהרע,
מוז יעדע נאציאן פאר זיך אליין ענטשיידען. עס ווייזט אויס, אז עסטרייך אליין
האט זיך דערשראקען פאר די שרעקליכע רעזולטאטען און זיך איינגעהערט צו רוס־
לאנד׳ס פארשלאג צו „לאקאליזירען" דעם קריעג, דאס הייסט, אז עסטרייך וועט
מעגען בעשטראפען, אבער ניט אונטערווארפען סערביען, שיקען אן ארמעע איבער
דער דאנוי, איינגעהמען בעלגראד, סערביען׳ס הויפט־שטאדט און זיך דארט אפ־
שטעלען אויף אזוי לאנג ביז זי וועט שליסען פריעדען. אבער דאס וואלט געהייסען
די גאנצע צוזאמענבערעכונג פון דייטשלאנדס פלאן, און זי האט זיך דערפאר אריינ־
געמישט. דייטשלאנד האט דאן געשיקט אן אולטימאטום צו רוסלאנד, בעהויפ־
טענדיג, אז זי, רוסלאנד, מאביליזירט זיך געגען איהר (וואס איז אפגעלייקענט
געווארען) און אז רוסלאנד מוז דעמאביליזירען אלע איהרע טרופען אין 24 שטונדען
צייט. דערביי האט זי בעאבזיכטיגט צו פאדערען עפעס וואס איז אונמעגליך נאכ־
צוקומען. רוסלאנד האט געענטפערט, אז זי איז בערייט ווייטער צו אונטערהאנדלען
מיט עסטרייך און זי האפט נאך אלץ צו „לאקאליזירען" דעם קריעג און אז איהרע
אבזיכטען זיינען ניט געגען דייטשלאנד. דאן האט זיך דייטשלאנד אליין מאבי־
ליזירט און ערקלעהרט קריעג. דער קייזער האט דראמאטיש ערקלעהרט פאר זיין
פאלק, אז דאס איז א פערטיידיגונגס קריעג; אז דייטשלאנד׳ס שונאים „האבען
אריינגעשטופט די שווערט אין זיינע הענד", און אז ער וועט די שווערט ניט צוריק
נעהמען ביז דאס פאטערלאנד וועט זיין געזיכערט אין זיינע רעכטע קעגען די רדיפות
פון אלע געוויסענלאזע שונאים. דאן האט דייטשלאנד, לויט איהרע ערשטע פלענער,
געשלייעדערט איהרע ארמעען געגען בעלגיען, פערלעצט איהר טראקטאט מיט דער
העלדישער קליינער נאציאן, און געוואלט נעהמען פאריז און בעזיעגען פראנקרייך
דורך א שנעלען און פעררעטערישען צוג, ווייל זי האט געוואוסט, אז פראנקרייך
איז ניט פארבערייט זי צו עמפפאנגען איבער דער בעלגישער גרענעץ. אזוי ווי
ענגלאנד איז אויך געווען אונטערגעשריבען אויף דעם טראקטאט פאר בעלגיען,
האט זי פראטעסטירט, ווייל זי האט ניט געקענט צוזעהן און שווייגען ביי אזא
פערברעכען. דייטשלאנדס קאנצלער האט דאן געפרעגט ענגלאנד אויב זי וועט

אנפאנגען א קריעג פאר א „שטיקעל פאפיער“ און פאר „נייטראליטעט אויפ'ן ווארט“. ענגלאנד האט זיך געשטעלט צוזאמען מיט די אנדערע מעכטע און איז אריין אין קריעג.

קיין מענש האנדעלט פון אן איינציגען, ניט־געמישטען מאטיוו. דאס זעלבע איז אויך מיט א נאציאן. עס איז אהן צווייפעל, אז ענגלאנד האט זעהר בראוו גע־האנדעלט ווען זי האט איינגעשטעלט איהר צוקונפט אויף דעם רעזולטאט פון דער מלחמה. זי האט זיך געוויס ניט אפגענארט וועגען דער ערנסטקייט. זי האט גע־וואוסט, אז דאס איז א קאמפף פאר לעבען און טויט. עס איז קיין צווייפעל, אז וועהרענד איין מאטיוו איז געוועזן די פערלעצונג פון דעם טראקטאט מיט בעלגיען, האט זי אויך געזעהן קלאר וואס די פעראייניגטע שטאאטען האט געזעהן, אז בלויז אין דיעזען קריעג ליעגט איהר זיכערהייט; אז דייטשלאנד'ס זיעג אין איירא פא בע־דייטעט אויך שפעטער די עראבערונג פון ענגלאנד און דאן פון די פעראייניגטע שטאאטען. די דאזיגע בעטראכטונגען נעהמען ניט ארונטער, נאר זיי לעגען נאך צו צו ענגלאנד'ס גערעכטפערטיגונג פארוואס זי איז אריין אין קריעג.

דער וויכטיגער ויכוח.

רעגיערונג, ווי מיר האבען געזאגט, איז א געגענשטאנד וואס ענטוויקעלט זיך, און דאס ווערט אלץ מעהר און מעהר מענשליך ווי דאס פאלק פון דער דאזיגער רע־גיערונג ווערט קליגער און מעהר טאלעראנט. עס איז ניטא קיין נאציאן מיט א לאנגער געשיכטע, וואו מיר זאלען ניט געפינען אן אונבערעכטיגטע מלחמה און אונ־טערדריקונג פון שוואכערע נאציאנען, אבער עס איז די שטרעבונג פון דער מענשהייט און פון ציוויליזאציאן, אז אזעלכע מלחמות זאלען אויפהערען. מען פלעגט אמאל גלויבען, אז צוליעב דעם גליק פון א נאציאן מעגען די הערשער בעגעהן אלערליי געמיינהייטען; און מען פלעגט זאגען, אז „דערגרייכען דעם ציעל דורך אלערליי מיטלען איז די מאראל פון דעם שטאאטסמאן“. אין אנדערע ווערטער הייסט עס, אז וועהרענד פאר אייך וואלט עס געוועזן א פערברעכען צו ערמארדען אייער שכן ווייל אייך גלוסט זיך זיין לאנד, מעג אבער א נאציאן בעגעהן סיי־וועלכע לומפעריי מיט האלסייל־מערדעריי ווען עס וויל צונעהמען אן אנדער נאציאן'ס לאנד. די היינטיגע ציוויליזאציאן אבער שרייבט צו צו א נאציאן דאס זעלבע רעכט און אונ־רעכט ווי צו אן איינצעלנער פערזאן. בלויז דייטשלאנד האלט נאך פון די אלטע טעאריען, אז דער שטאאט מעג האבען א טעות, אבער ער איז קיינמאל ניט אונגערעכט. מאדערנע שטאאטסמאנשאפט אנערקענט, אז פעלקער זאלען זיין פעראייניגט אין א רעגיערונג וואו עס איז נאר מעגליך לויט דער ראסע, און אז די בירגער פון יעדער רעגיערונג זאלען קריגען אלץ א גרעסערע דעה ביז זיי זיינען אימשטאנד זיך אליין צו בעהערשען. די הויפט קראפט פון ענגלאנד און איהרע צושפרייטע קאלאניען ליעגט אין דעם, וואס זי האט דאס אנערקענט און ערלויבט איהרע קאלאניען די פרייהייט פון רעגיערונג און האנדלונג.

דער תוכן פון דיעזען ויכוח, די לעבענס־וויכטיגקייט פון דיעזען קריעג איז, אויב די דייטשע ארמעע זאָל זיעגען, אָדער די מיינונג פון איהרע געגנער זאָל טריאומ־פירען. דייטשלאנד'ס הויפט אידעע איז, אז זי, איהר מאָראל, איהר „קולטור", איהרע אידעען, זיינען די בעסטע אין דער וועלט און דערפאר איז עס אויך דאָס בעסטע פאר דער וועלט ייען זיי ווערען ארויפגעצוואונגען אויף די מענשען, אונגעאכטעט דארויף ווי טייער דאָס קאָסט. אויב א פאָלק ווערט אונטעריאָכט, אָדער זאָגאר פערניכטעט, איז עס בלויז אום צו מאכען פלאץ אויף דער ערד פאר א העכער און בעסער פאָלק — דאָס דייטשע פאָלק. שטארק דאגעגען און פיינדליך דערצו, איז דער בעגריעף פון די עליים, אז יעדען איינעם אויף דער ערד זאָל עס ערלויבט זיין צו בעשטימען זיין אייגען מזל; זיין אייגענע קולטור, זיינע אייגענע אידעען פון רעגיערונג און אלעס אנדערע, כל זמן דאָס שטערט ניט דיזעלבע רעכטע פון אנדערע מענשען.

דאָס איז וואָס אונזער פרעזידענט האָט געמיינט ווען ער האָט געזאָגט, אז מיר קעמפפען צו מאכען די וועלט זיכער פאר דעמאָקראטיע און אז אונזער קריעג איז ניט געגען דייטשען פאָלק. זייערע רעגיערער און פיהרער האָבען פעראורזאכט די דאָזיגע שרעקליכקייט, און דאָס דייטשע פאָלק, ווי א געטריי פאָלק דארף האנדלען, פאָלגט בלויז נאָך זיינע פיהרער. דאָס פאָלק איז פערבלענדעט און פערפיהרט. ווען מען זאָל זיי געבען א דעה אין זייער רעגיערונג, ווען מען זאָל זיי געבען א דעמאָ־קראטיע, וואָלטען ניט זיי און ניט קיין אנדערע פעלקער אין דער וועלט אריין אין אזא שוידערליכען און צושטערענדען קריעג.

דאָס איז וואָס דער ענגלישער פרעמיער מיניסטער מיינט ווען ער זאָגט, אז די עליים בעאבזיכטיגען ניט צו דיקטירען ווי דייטשלאנד זאָל זיך רעגיערען; אָבער ווען עס קומט צו פריעדענס טראקטאטען, האָבען די עליים א רעכט צו זאָגען וואָס פאר א רעגיערונג עס קען מיט זיי שליעסען אזעלכע טראקטאטען, און די דאָזיגע טראקטאטען קענען ניט געשלאָסען ווערען מיט דער היינטיגער דייטשער רעגיערונג, ווייל אמת, עהרע און טריי־הייט צום געגעבענעם וואָרט שטעהען ניט אין רייסטער פון איהרע רעגיערער; אז אזא טריי־הייט איז ניט נאָר וויכטיג אין יעדען מסחר צווישען מענשען, נאָר עס איז דער ווינקעלשטיין פון דער גאנצער ציוויליזאציאָן.

דייטשלאנד'ס פערברעכענס געגען דער ציוויליזירטער וועלט און געגען די פעראייניגטע שטאאטען.

די פסיכאָלאָגען, אָדער די מענשען וואָס שטודירען די ווירקונגען פון דעם מענש־ליכען פערשטאנד, פונקט ווי דער דאָקטאָר שטודירט דעם מענשליכען קערפער, שטימען אלע איין, אז אין פאַל איהר האלט א מענשען דורכאויס אונטער איין אידעע, ווי שרעקליך און ווי נאריש דאָס זאָל ניט זיין, אויב זיין דענקען קריגט ניט קיין ווירקונג פון א געגען־ארגומענט, וועט ער אין זעהר א קורצער צייט גלויבען אין דעם וואָס מען לערענט איהם, איבערהויפט איז עס אמת מיט יונגע לייט ווען עס איז

גרינג צו מאכען אן איינדרוק אויף זיי. דערפאר זאגען זיי: לערענט א יונגען מאן
אז גנב'ענען איז ניט נאר ניט קיין פערברעכען, נאר א גוטע זאך, וועט ער מיט דער
צייט ניט נאר ווערען א קעשענע־גנב, נאר איהר וועט האבען א קעשענע־גנב, וואס
גלויבט, אז זיין האנדלונג איז א גערעכטע. אט אזוי האט מען ערצויגען דייטשלאנד'ס
יוגענד, דורך א רייהע פון דורות צו גלויבען, אז דארט וואו דייטשלאנד איז פער־
אינטערעסירט קען ניט זיין אונרעכט.

די ציוויליזירטע וועלט האט אנערקענט, אז קריעג איז שוידערהאפט. אלע
נאציאנען שטימען איין, אז מען דארף וואס גיכער אוועקנעהמען די שרעקליכקייטען
פון קריעג. האלאנד האט אויפגעבויט א פרעכטיגעס בית־המשפט אין האאג, וואו
אונפעראינטערעסירטע און געלערנטע מענשען אויסגעקליבען פון אלע נאציאנען
זאלען זיך בעגעגענען און בעהאנדלען די סכסוכים פון פעלקער, און א בוררים געריכט
צו פערהינדערען קריעג. קאנפערענצען צווישען פארשטעהער פון נאציאנען זיינען
פון צייט צו צייט אפגעהאלטען געווארען איינצושטימען ווי מען זאל זיך פיהרען
אין קריעג, צו פערקלענערען די וועהטאגען און ליידען. צו די דאזיגע קאנפערענצען
האט דייטשלאנד געשיקט איהרע פערטרעטער. דארט האט מען בעשלאסען פיעלע
זאכען צו וועלכע די נאציאנען האבען איינגעשטימט. צווישען די דאזיגע זאכען
איז עס געווען, אז אין א קריעג זאל די ציווילע, ניט־קעמפפענדע בעפעלקערונג אזוי
ווייניג געשטערט ווערען ווי נאר מעגליך און מען זאל ניט שאדען זייערע פערזאנען
אדער אייגענטום. אויף ניט בעפעסטיגטע שטעדט זאל מען ניט שיסען, און ווען
מען וועט יא וועלען שיסען אויף זיי זאל מען זיי פריהער ווארנען כדי די ציווילע
בעפעלקערונג זאל קענען אוועק. מען האט ניט געדארפט בענוצען געוויסע אונגע־
ווינשטע וואפען, ווי דאם־דאם קוילען, וועלכע עקספלאדירען און פערורזאכען גרויסע
וואונדען. מיט גיפט־גאז האט מען זיך ניט געטארט בענוצען. נאך אנדערע מאס־
רעגלען זיינען איינגעפיהרט געווארען. עס איז אויך ניט קיין איבערטרייבונג צו
בעהויפטען, אז דייטשלאנד האט עובר געווען אויף אלעמען, מוטוויליג און בייזוויליג.
מיר דארפען ניט געבען קיין פאלשטענדיגע ליסטע פון אלע ניעדערטרעכטיגקייטען.
איי‌ניגע ביישפיעלען וועלען זיין גענוג. פערלעצענדיג איהר טראקטאט מיט בעלגיען
האט זי פערכאפט דעם גרעסטען טייל פון לאנד, זי האט צוגענומען פריוואט געלד
פון די בענק און ארויפגעלעגט שרעקליכע מס אויף די שטעדט. זי האט צוגענומען דאס
עסענווארג. זי האט געלאזט מיליאנען מענשען אויסגעהן פאר הונגער און זיי וואלטען
אויסגעגאנגען פאר הונגער ווען מען וואלט זיי ניט געשיקט קיין עסען פון אנדערע
לענדער. דאס איז געווען די בעדייטונג פון דער בעלגישער רעליעף קאמישאן וואס
האט, ביז צו אונזער קריעגס־ערקלעהרונג, געהאט אן דער שפיצע מר. הואווער, וועל־
כער איז איצטער אונזער שפייז־קאנטראלער. נאכדעם ווי דייטשלאנד האט עס
געמאכט אונמעגליך פאר די בעלגיער צו ארבייטען און מאכען א לעבען דערפאר
וואס זי האט ביי זיי אוועקגענומען אלע געצייג און נאטירליכע קוועלען, האט זי דאס
אנגעגעבען אלס אן ענטשולדיגונג פאר אוועקפיהרען טויזענדער און צעהנדליגע
טויזענדער אין אמת'ער שקלאפעריי און זיי געצוואונגען צו ארבייטען פאר איהר.
זי האט געטאן נאך ערגערעס. זי האט זיי געשטעלט ביי אן ארבייט וואס זאל צור־

שטערהן דאס לעבען פון זייערע אייגענע לאנדסלייט, מאכענדיג אמוניציאן און גראַ־בענדיג טרענטשעס. זי איז דערביי ניט געבליבען שטעהן. מיידלעך און פרויען זיינען פערשיקט געוואָרען, און אין די טויזענדער און צעהנדליגע טויזענדער זיינען זיי געבראכט געוואָרען אלס קרבנות פון דער תאוה פון די דייטשע סאָלדאטען. טויזענדער און טויזענדער פון די פריעדליכע בירגער, צווישען זיי פרויען, קינדער און גייסטליכע, זיינען ערמאָרדעט געוואָרען פאר פערברעכענס, וואס איז צוגעגעבען געוואָרען, אז ניט זיי, נאָר אנדערע ציווילע בעלגיער, האבען בעגאנגען. זי האט שרעקליך צוקאליעטשעט פערוואונדעטע געפאנגענע, און אבזיכטליך זיי ניט געגעבען גענוג צום עסען און זיי אויסגעזעצט צו אנשטעקענדע קראנקהייטען אין די געפענגנים לאגערן. זי האט געמאכט פאר קאליקעס קליינע קינדער זיי אפשניידענדיג הענד און פיס. זי האט געטאָן פונקט דאס זעלבע אין די בעזיעגטע לענדער פון פראנקרייך, רוסלאנד און פוילען. אין די אפריקאנישע קאלאָניען, איידער די ענגלישע ארמעען זיינען אהין אריין, האבען די צוריקציהענדע דייטשען פערגיפטעט די ברונימס. זיי האבען דאס געטאָן אום צו טויטען דעם זיעגרייכען פיינד, און זייער קאָמאנדירענדער גענעראל האט מודה געווען, אז ער האט דאס געטאָן אונטער דער רעכטפערטיגונג פון „מיליטערישער נויטווענדיגקייט“. איבער ענגלאנד האבען זיי אוועקגעשיקט זייערע לופט־שיפען, וואס האבען ארונטערגעשליידערט הונדערטער טאָנס פון באָמבעס איבער אונבעפעסטיגטע שטעדט, מאָרדענדיג פרויען מיט קינדער. די טערקען, וועמען די קריסטליכע בירגער האבען אריבערגעשטיגען אין צאָהל, און ערביטערט דורך דעם אויפשטאנד פון די קריסטען אין באלקאנישען קריעג, האבען געפאסט דעם ניעדער־טרעכטיגען בעשלוס אויסצומאָרדען אלע קריסטען. זייער הויפט שנאה האט זיך קאָנצענטרירט געגען די ארמענער, וועלכע וואוינען אין קליין אזיען. די ארמענער זיינען זעהר אן אלט פאָלק. זינט יאָהרען און יאָהרען האבען זיך די טערקען אזוי שרעקליך אויפגעפיהרט, אז מען האט זיי א נאָמען געגעבען „די ווילדע בארבארען“ און איבער צוויי דורות האט די געשיכטע פערצייכענט זייערע בארבארייען געגען די ארמענער, ביז וואנען „רציחות געגען ארמענער“ איז געוואָרען א דיפלאָמאטישע פראזע. זיך בעדיענענדיג מיט דער געלעגענהייט פון דעם איצטיגען קריעג, האבען די טערקען, די אליאירטע פון דייטשלאנד און פאלשטענדיג אונטערוואָרפען אונטער איהר ווילען, אנגעפאנגען בוכשטעבליך צו פערניכטען די ארמענער. די קריסטליכע נאציאָנען האבען אפעלירט צום קייזער, דאס האבען געטאָן אי די נייטראלע, אי די קריעגערישע נאציאָנען. בלויז איין שאָקעל מיט זיין קאָפּ „ניין“, וואָלט געמאכט א סוף צו די מערדערייען. ער האט אבער דאס אויך ענטזאגט בעהויפטענדיג, אז ער קען זיך ניט מישען אין די אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון זיינע פערבינדעטע, און איינע פון דעם קייזער׳ס גרעסטע פערברעכענס אין דיעזען קריעג, איז די גרויזאמע ערמאָרדונג פון א מיליאן ארמענער, מענער, פרויען און קינדער.

פון דעססטוועגען האבען וועניגע פון די דאָזיגע פערברעכענס אונז דירעקט אנ־געריהרט. אבער דייטשלאנד איז דערביי ניט געבליבען שטעהן. זי האט זיך אונטער־גענומען צו שלאָגען ענגלאנד דורך אן אזוי־גענאנטער בלאָקאדע. אבער די דאָזיגע בלאָקאדע, נאכדעם ווי ענגלאנד האט פעריאָגט די דייטשע פלאָטע,

האָט ניט געדאַרפט אויפגעהאַלטען ווערען דורך פערכאַפען קאָמערץ־שיפען וואָס פיהרען סחורה נאָך ענגלאַנד, נאָר דורך צושטערען אַלע שיפען דורך סובמארינס. עס איז געווען און עס איז דאָס אינטערנאַציאָנאַלע געזעץ פון די הויכע ימים, אַז נייטראַלע שיפען דאַרף מען ניט טשעפען, אפילו ווען זיי געהען צו אַ בלאָקאַדירטען האַפען, סיידען זיי פיהרען, וואָס איז בעקאַנט, אַלס „קריעגס קאָנטראַבאַנד“. קריעגס קאָנטראַבאַנד ווי מיר פערשטעהען עס קען ערלעהרט ווערען אַלע סחורה, קריעגס אַמוניציאָן אָדער אַנדערע מאַטעריאַלען צום צוועק צו העלפען דעם קעמפפענדען שונא. ווען אַ נייטראַלע שיף האָט דאָס ניט געפיהרט, איז זי געווען זיכער פאַר בעשעדיגונג, שוין ניט רעדענדיג פון צושטערונג, אויסער ווען מען האָט געמוזט אויף איהר שיסען ווען זי האָט געוואָלט ענטלויפען. אַזעלכע שיפען זיינען געווען אונטערוואָרפען מען זאָל זיי כאַפען און בעזוכען, און אויב זיי זיינען ניט געווען שולדיג אין פיהרען קאָנטראַבאַנד האָט מען זיי ערלויבט צו געהן זייער וועג. אויב זיי האָבען געפיהרט קאָנטראַבאַנד האָט מען זיי געמעגט אריינפיהרען אין אַ האַפען וואו עס האָט געדאַרפט בעשטימט ווערען וואָס מען זאָל טאָן מיט דער לאָדונג און מיט דער שיף, און אזוי ווייטער. אויסער דעם, האָט קיין האַנדעלס־שיף, אפילו ניט דעם שונא'ס האַנדעלס שיף, ניט געקענט געכאַפט ווערען אָדער צושטערט ווערען סיידען מען האָט פריהער פערזיכערט די מאַנשאַפט און די פּאַסאַזשירען. אַלע די דאָזיגע אָנגענומענע רעגעלען ווי זיך צו פיהרען אויפ'ן ים לויט אינטערנאַציאָנאַלע קריעגס־געזעצע, האָט דייטשלאַנד באַטראַכט פאַר אַ שטיקעל אונניצליך פּאַפּיער, אָדער פונקט ווי זי האָט געהאַנדעלט מיט איהר טראַקטאַט מיט בעלגיען. די נאַציאָנען זיינען אויפגעציטערט געוואָרען איבער דער פערזינקונג פון דער „לוסיטאַניא“, אַן אונשעדליכע, אונבעוואָפענטע פּאַסאַזשיר שיף, וועלכע האָט געפיהרט איבער צוויי הונדערט אמעריקאַנישע מענער, פרויען און קינדער. און די דייטשען האָבען אויף איהר אָנגעשיקט אַ סובמארין און ניט געאַכטעט אויף דעם פערלוסט פון מענשען־לעבענס. אונזער רעגיערונג האָט פּראָטעסטירט, און וועהרענד אַ קאָרעספּאָנדענץ איז אָנגעגאַנגען, האָט דייטשלאַנד פּאָרטגעזעצט צו צושטערען אַלע האַנדעלס־שיפען וואָס איהרע סובמארינס האָבען געגרייכט. די „לוסיטאַניא“ איז געגאַנגען אונטער אַן ענגלישער פאָהן, אָבער דייטשלאַנד האָט צושטערט אויפ'ן זעלבען אופן שיפען אונטער דער אמעריקאַנישער פאָהן מיט'ן פערלוסט פון לעבען פון אמעריקאַנישע בירגער. ענדליך, אונטער ווידערהאָלטע פּראָטעסטען און ווידערהאָלטע ווארנונגען פון אונזער רעגיערונג, האָט דייטשלאַנד איינגעשטימט איבערצורייסען דעם „אונבעשרענקטען געברויך פון דער סובמארין וואַפע“ און ערקלעהרט, אַז זי וועט מעהר ניט אַזוי מוטוויליג און אונגעזעצליך צושטערען די נייטראַלע שיפען. זי האָט אָפּגעהיט איהר פערשפּרעכען אַ געוויסע צייט. עס ווייזט זיך איצטער דייטליך ארויס פון איהר אייגענער ערקלעהרונג, אַז זי האָט עס נאָר געטאָן אום איינצושטילען אונזער צאָרן וועהרענד זי האָט געבויט נאָך סובמארינס. דאַן האָט זי אין יאַנואַר 1917 בעקאַנט געמאַכט די פעראייניגטע שטאַאטען, אַז זי וועט פּאָרטזעצען איהר אונברחמנות'דיגע סובמארין קריעג און אָנצייגענדיג אַ געגענד, וואָס האָט ארומגערינגעלט די ענגלישע אינזלען און זיך אויסגעצויגען ביז צו די ים־ברעגעס פון

פראנקרייך אויפ'ן מעדיטעראנישען אקעאן, וועט זי צושטערען יעדע שיף וואס איהרע סובמארינס וועלען אנגרייפען און זי האט געענדיגט די דאזיגע ערקלעהרונג פון שרעקליכקייט מיט א פעראכטליכער און בעליידיגענדער קאנצעסיע, אז זי וועט ערלויבען א געוויסע צאהל אמעריקאנער שיפען צו פאהרען איבער די ימים און געהן אין ענגלישע האפענס, מיט דער בעדינגונג, אז זיי וועלען דארט פערבייגעהן בלויז אין א געוויסער צייט, אויף א געוויסער ריכטונג, געפארבט ווי א זעברא מען זאל זיי דערקענען, און מיט א גאראנטיע פון אונזער רעגיערונג, אז זיי פיהרען ניט קיין קאנטראבאנד. אונזער רעגיערונג האט זיך אנגעליטען מיט גרויסער געדולד. אבער ענדליך האט די געדולד געפלאצט. דייטשלאנד האט אונז מודיע געווען, אז קיין איינציגע פון אונזערע רעכטע וועט רעספעקטירט ווערען און מיר קענען בלויז קריגען א קליינע קאנצעסיע, ווען מיר וועלען צוגעבען, אז זי שטעהט איבער אונז. וועהרענד דער צייט פון פריעדען, האט דייטשלאנד, דורך איהרע שפיאנען, ארבייטענדיג אונטער דעם דייטשען אמבאסאדאר אין וואשינגטאן, פעראורזאכט גרויסע צושטערונגען אין אונזערע שיפען און אמוניציע פאבריקען. זי האט זאגאר אינטריגירט און געהעצט מעקסיקא און יאפאן זיי זאלען ערקלעהרען קריעג געגען אונז, זיי פערשפרעכענדיג הילף און אן איינטיילונג פון לאנד. אזוי האבען מיר זיך איבערצייגט, אז דייטש־לאנד איז געגען אונז, פונקט ווי זי איז געווען געגען דער גאנצער וועלט, און אז מיר מוזען פיהרען קריעג געגען איהר, ניט נאר צו פערהינדערען א ווידערהאלונג פון איהרע אונרעכטען געגען אונז, נאר אויך אום אויפצוהאלטען אונזער רעגיערונג און אונזערע היימען, אדער די פערברעכענס וואס זי האט בעגאנגען געגען בעלגיען און פראנקרייך וועלען אויך בעגאנגען ווערען געגען אונז.

כאטש די קריעגס־ליניע צו וועלכע איהר וועט געהן איז געצויגען דורך דער לענג פון אייראפא, קעמפפט איהר, אין דער ווירקליכקייט, אין פערטיידיגונג פון אייערע היימען גלייך ווי די קריעגס־ליניע וואלט געווען פון ניו יארק ביז ניו ארלינס און אייך וואלט מען געשיקט צו דער וועסט זייט. אין דיעזען קריעג, ווי אונזער פרעזי־דענט זאגט ריכטיג, קעמפפט איהר ניט נאר פאר דער פרייהייט פון אונזערע אינ־סטיטוציאנען, איהר קעמפפט ניט נאר פאר דער דעמאקראטיע פון דער היים, נאר איהר קעמפפט אויך פאר דעמאקראטיע, פרייהייט רעכט און גערעכטיגקייט פון דער גאנצער וועלט.

מען האט אייך שוין עפעס געזאגט וועגען דער געמיינהייט פון דייטשע גע־דאנקען, וואס ווייזען זיך ארויס אין זייערע לעהרען. דיזעלבע לעהרען בערעכטיגען אלס „מיליטערישע נויטווענדיגקייטען" די אלע רציחות וואס די דייטשען בעגעהען. הערט זיך נאר איין צו איינעם פון די גרויסע פיהרער אין דייטשען רייכסטאג, ערצ־בערגער: „וואס מעהר אונברחמנות'דיג און אכזריות'דיג קריעג איז, אלץ מענש־ליכער איז דאס, ווייל עס ענדיגט זיך דאן שנעלער. אין קריעג שטימט דאס אויס־פעהלען פון געוויסענסביסע מיט דער גרעסטער מענשליכקייט. ווען מיר זאלען קענען פערניכטען לאנדאן, וואלט עס געווען מעהר מענשליך ווי צו ערלויבען איין איינציגען פון אונזערע דייטשע קאמעראדען צו פערגיסען זיין בלוט אויפ'ן שלאכטפעלד, ווייל

אזא ראדיקאלע רפואה וואלט געבראכט דעם שנעלסטען פריעדען. צעגערונג, נאכ־דענקען, סענטימענטאליטעט און איבערלעגונג זיינען אונפערצייהליכע שוואכקייטען. א בעשטימטע, אונ׳ברחמנות׳דיגע האנדלונג און דאן קומט דער זיעג.“

פריעדענס אונטערהאנדלונגען.

דייטשלאנד האט געהאפט, אז דורך א שנעלען אנגריף אויף איהרע אונפאר־בערייטעטע געגנער וועט זי קענען מאכען א שנעלען סוף פון דעם קריעג. זי האט צוגענומען בעלגישען, פראנצויזישען, רוסישען, סערבישען און רוסישען באדען, אבער איבעראל האט זי ניט געהאט קיין גאנצען ערפאלג. זי האט געוואונען שלאכטען, אבער זי האט ניט געקענט זיעגען, און זי האט זיך איבערצייגט, אז זי קען ניט זיעגען. עס איז איהר בלויז געלונגען ארויסצורופען געגען זיך דעם צארן פון א געקריינקטער וועלט. זי איז בערייט איצט צו מאכען א סוף כדי זי זאל אין דער צוקונפט וויעדער אמאל פרובירען. אזא פריעדען בעדייטעט עס זאל בלייבען ווי פאר׳ן קריעג איז געוועזען.

בעטראכט דאס אבער: א געזינדעל מיט באנדיטען גרייפט אן אייער שטאדט, ערמארדעט אייערע פריינד, בערויבט די בענק און קאמערץ הייזער, שענדעט די פרויען, צינדעט אונטער אייערע היימען און ציהט זיך צוריק מיטפיהרענדיג פיעלע פון אייערע אונשולדיגע מיידלעך. דער שעריף ארגאניזירט א מחנה מיט מענשען, יאגט נאך און רינגעלט ארום די באנדיטען אויף די בערג. איהר זייט א מיטגליעד פון דערזעלבער מחנה מענשען. דער באנדיטען הויפטמאן שיקט אנזאגען פאלגענדעס צום שעריף: „מיר האבען אייך צוקלאפט און מיר קענען עס נאך אמאל טאן. דאך ווילען מיר עס ניט דוקא טאן. מיר ווילען ניט מעהר קיין צרות. לאמיר פערגעסען וואס עס איז געוועזן. לאמיר עס מאכען ווי עס איז געוועזן פאר׳ן קריעג און מיר וועלען אייך זאגאר אומקעהרען די מיידלעך“. וואס וואלט איהר געדענקט פון אזא פארשלאג? פונקט ווי איהר וואלט געדענקט דאריבער, אזוי דענקען איצטער אויף די אליאירטע נאציאנען אויף דעם פארשלאג פון דייטשלאנד עס זאל בלייבען ווי עס איז געוועזן פאר׳ן קריעג.

די עליים, אונטער דער פיהרערשאפט פון אונזער פרעזידענט, האבען ערקלעהרט, אז דאס קען ניט זיין; אז די גאנצע מלחמה וואלט אומזיסט געפיהרט געווארען, ווען מען זאל ניט קענען אויספיהרען אז דייטשלאנד זאל ניט קענען פיהרען נאך אזא קריעג; אז דאס פערברעכען געגען פריעדליכע לענדער, וועלכע מען האט פערוויסט, די טויזענדע רוהיגע בירגער וואס מען האט ערמארדעט, געשענדעט און אוועקגעפיהרט אין שקלאפעריי קען ניט אפגעווישט ווערען בלויז דורך צוריקשטעלען ווי עס איז געוועזן פריהער: אויסער צוריקשטעלונג (רעסטאריישאן) מוז אויך זיין פערגיטיגונג (רעפעריישאן) פאר דער פערגאנגענהייט און פאר דער זיכערונג פון דער צוקונפט. ווער צווייפעלט אין דער גערעכטיגקייט פון אזא פאדערונג?

די פליכט פון סאָלדאט און ציווילנעם.

דאָ האָט איהר ניט נאָר אונזער אורזאך פון קריעג, נאָר אויך די נויטווענדיגקייט פון קריעג, און ווער עס פערשטעהט די דאָזיגע אורזאך מעג זיך שטעלען גלייך און זיך ניט שעהמען פאר דעם כסא המשפט פון גאָט און מענשען. און וואָס איז די פליכט פון אונזער פאָלק, פון דעם זעלבסט-הערשענדען פאָלק פון דיעזען לאנד? אויב סאָלדאט, מאטראָז אָדער ציווילנער, דארף זיין יעדער געהאָרכזאם און זיך איבערגעבען מיט לייב און זעעל אין דיענסט פון אונזער לאנד. די שטימע פון יעדער קריטיק זאָל שטיל ווערען, סיידען די דאָזיגע שטימע קען מאכען עפּעס א העלפענדען פאָרשלאג. צווישען די געפאהרען און שמערצען פון א נאציאָן איז ניטאָ קיין פלאץ פאר בייזוויליגקייט אָדער להכעיס. יענער איז ניט קיין אמעריקאנער, און איז אויך א פעררעטהער, וועלכער הויבט ניט אויף זיין האנד מיט פרייד און איבערגעבענהייט צו העלפען אונזערע רעגיערער — רעגיערער וועמען מיר אליין האָבען אויסגעוועהלט און אוועקגעזעצט אלס אויטאָריטעטען צו פיהרען דאָס שיקזאל פון אונזער בעליעב-טעם לאנד.

צו אייך.

אין דעם איצטיגען קריעג, ווי אין קיין אנדערען, זיינען די ענטוויקעלטסטע נאציאָנען פון דער ערד בעטייליגט אין א קאמפּף אויף טויט און לעבען. דער וועלט'ס גרעסטע ערפינדונגס זשעניען האָבען זיך פערוואנדעלט אין צושטערונגס-עלעמענטען. יונגע לייט, וואָס וואָלטען דערגרייכט בעריהמטקייט אין קונסט, אין וויסענשאפט, אין ליטעראטור זיינען מונטער אוועק צום טויט. מיליאָנען אנדערע וואָס וואָלטען געפיהרט א פריעדליכען לעבען אלס פאָטערס פון קינפטיגע דורות, זיינען פערדרעכענט אלס „אונבעקאנטע, ניט-געצעהלטע דיענער פון שווערט". די ציוויליזאציאָן זעלבסט איז אויפגעטרייסעלט געוואָרען ווי פון א ריעזיגער ערד-ציטערניש, פון דאך ביז צום גרונדשטיין. און צו דיעזע גרעסטע פון אלע גרויסע קאטאסטראָפען זיינט איהר גערופען אנטייל צו נעהמען. לוינט עס זיך? אויב איהר רעספּעקטירט פרויענשאפט דאן קען זיין בלויז איין ענטפער. אויב איהר ליעבט די פרויען פון אייער אייגענער פאמיליע, דאן קען זיין בלויז איין ענטפער. אויב איהר עהרט דאָס לאנד וואָס האלט אייך טייער און האָט אייך געגעבען אַן אונפערגלייכליכע אונאבהענגיגקייט, דאן קען זיין בלויז איין ענטפער. אויב איהר גלויבט, אז די פעראייניגטע שטאאטען דארף ניט בויגען איהר האלז צום יאָך, דאן קען זיין בלויז איין ענטפער. אויב איהר גלויבט, אז די פעלקער פון דער ערד האָבען א רעכט אויסצואַרבייטען זייערע אייגענע שיקזאלען אלס פרייע מענשען, דאן קען זיין בלויז איין ענטפער. סיידען איהר גלויבט, אז עס איז ניטאָ קיין מענשליכע שטרעבונג וואָס זאָל זיין אזוי נאָבעל איהם צו בערעכטיגען ער זאָל איינשטעלען זיין לעבען צו דערגרייכען זיינע ציעלען. סיידען איהר גלויבט, אז עס מאכט ניט אויס ווי א מענש לעבט אבי ער לעבט, דאן קען זיין בלויז איין ענטפער. מיט 24 הונדערט יאָהר צוריק, צום שלום פון א פער-

ניכטענדען קריעג, האט גריכענלאנד אין פלאטעא געוואונען אן ענטשיידענדען זיעג איבער די פערזישע איינדרינגער און זיי ענדליך פערטריבען אויף אייביג פון זייער לאנד. צו איהרע סאלדאטען וואס זיינען געפאלען אין קריעג האט זי אויפגעשטעלט א מאנומענט. פאר דעם דאזיגען מאנומענט האט איהר דיכטער סימאנידעס אנגעשריבען א זכרון. דארט מאכט ער די טויטע העלדען רעדען בזה הלשון:

„אויב צו פאלען פון א נאבעלען טויט איז דער הויפט ציעל פון ערהאבענהייט, דאן האט דאס גליק אונז צוגעטיילט אזא שיקזאל. ווייל איילענדיג זיך ארויפצוזעצען א פרייהייטס־קרוין אויף העללאס, ליעגען מיר אין בעזיץ פון בעריהמטקייט וואס ווערט קיינמאל ניט אלט.“

פונקט מיט אזוי פיעל ווי די פרייהייט פון דער וועלט איז איצטער וויכטיגער ווי די פרייהייט פון גריכענלאנד אין אלטערטום, גראדע אזוי הייסט דיעזע אויפשריפט, אין איהר גאנצער ווארהייט, איינפאכקייט און ערהאבענהייט, און בעלאנגט צו יענע פון וועמען עס קען געפאדערט ווערען דער ערהאבענער קרבן, ווייל איהר וועט דאן ליעגען אין בעזיץ פון בעריהמטקייט וואס ווערט קיינמאל ניט אלט.

פ. ו. הענשא,

סופרים קאורט ריכטער פון קאליפארניא.

SHAMROTH PRESS, INC., PUBLISHERS
LYNN, MASSACHUSETTS

BOSTON PUBLIC LIBRARY
3 9999 10250 836 1